בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' **משפטים** תש"פ
Vol. 8-A

United Jewish Community of Blooming Grove


שב"ק פרשת
**משפטים - שקלים**
**מברכים חודש אדר**
**כ"ז שבט תש"פ**
מולד: אול"י ב' תרומה
בשעה 9:30 10 חלקים
ר"ח יום ג' -ד'

זמנים

הדלקת הנרות
**5:22**
סו"ז קריאת שמע
**8:50**
זמן מוצש"ק
**6:51**

אַדאַנק "פרידאָם אָוו אינפאָרמעישאָן" פאַרלאַנג דורך יו.דשעי.סי.:

# סקאַנדאַליעזע איפדעקונג איבער אינטריגעס אַוועקצוטרייבן פאַרטרעטערשאַפט-מעגליכקייטן פון אידישע איינוואוינער, דורכ'ן איבערשרייבן ווילעדזש'ס גרעניצן, טרייסלט איף בלומינגראָוו

ביזוויליגע אינציאַטיווע אויסצושפרייטן די גרעניצן פונעם ווילעדזש לענגאויס גאַנצן שטח פונעם בלומינגראָוו טאַון, וואָס וואָלט אויטאָמאַטיש פאַרמעקט וואַל-כח פונעם היימישן ציבור, איז פערזענליך אָרקעסטרירט געוואָרן פונעם מעיאָר און ווילעדזש-אַדוואָקאַטן מיט'ן קלאָרן ציל צו באַקריוודען די אידישע אינוואוינער פון זייערע עלעמענטאַרע שטים-רעכטן

7

דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, ידיד נפש כל חי
הרה"ח ר' **חיים גליק** הי"ו
אקטיווער באורד מעמבער אינערהאלב "יו.דזשעי. סי."
און רעדאקטאר מיטגליד פון דער 'בלומינגראוו שטימע'

13

עסקים בצרכי הציבור באמונה:

## מאָביליזאַציע פון 60 בלומינגראָווער אנשי מעשה ביי דערפאָלגרייכן "עסקנים קאָנפערענץ" איבערצייגט האַרציגן געפיל און פעלזענער אַנטשלאָסנקייט "בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו"

קאָלירפולע באַטייליגונג פון "אלע קהלות" און "אַלע שיכטן" פון בלומינגראָוו'ס היימישע באַפעלקערונג הייבט אַרויס און רעפלעקטירט נאָבעלען צוניפשטעל פון "יו.דשעי.סי." וואו יעדער איז פאַראייניגט צוזאַמען פאַר אַ בעסערן עתיד בעז"ה

2

די פּאָזיטיווע אַגענדע פון פּאַראייניגטע בלומינגראָווער איינוואוינער
אויף וואָס מיר קוקן אַרויס צו אַרבעטן מיט אַ נייע סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע



## אונזער ווידיע
פאַר אַ בעסערן עתיד אין אונזער שטאָט בלומינגראָוו

פּראָפּערטי טעקס...

16

## היסטערישער רוף פונעם מעיאר, פאר קריטישע מיטינג ערב שבת יתרו געציילטע שעה בעפאר'ן זמן

24

נוצליכע אינפארמאציע אקטועלע ידיעות איבער
## 'פּראָפּערטי טעקס'
איבערגעגעבן דורך דעם עקספערט
הר"ר **יואל שווארץ** הי"ו פון די בארימטע "גלילות ריעליטי"

20

עדיטאריעל: **מתתי' דייטש**

# כל התחלות קשות...

6

**עסקים בצרכי העיר באמונה:**

# מאָביליזאַציע פון 60 בלומינגראָווער אנשי מעשה ביי דערפאָלגרייכן "עסקנים קאָנפערענץ" איבערצייגט האַרציגן געפיל און פעלזענער אַנטשלאָסנקייט "בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו"

**קאָלירפולע באַטייליגונג פון "אלע קהלות" און "אַלע שיכטן" פון בלומינגראָוו'ס היימישע באַפעלקערונג הייבט אַרויס און רעפלעקטירט נאָבעלען צוזיפשטעל פון "יו. זשעי.סי." וואו יעדער איז פאַראייניגט צוזאַמען פאַר אַ בעסערן עתיד בעז"ה**

בלומינגראָוו. – ביי אַ העכסט געלונגענע "אסיפת עסקנים" דעם פאַרלאָפענעם ליל שישי פ' יתרו לסדר "נעשה ונשמע", האָט זיך צום וויפילטן מאָל איבערצייגט דאָס פראַכטפולע מציאות ווי דער ציבור תושבי העיר בלומינגראָוו זענען פאראייניגט מיט אַ מאכטפולן כח, מיט א פאזיטיוון געפיל, למען טובתם, למען עתידם, און יעדער איז גרייט, יעדער איז אנטשלאסן, יעדער איז אָנגעשלאָסן, כאיש אחד ובלב אחד, צו טון אלעס וואָס נאָר מעגליך, פאָרצוזעצן די פעולות, אויסצובויען פאַר אונז און אונזערע פאַמיליעס אַ לעבטיגן רואיגן צוקונפט בעז"ה.

אַ הערליכער ציבור פון אומגעפער 60 תושבי העיר, אנשי חיל, עושים ומעשים, מיט א געפיל און הארץ פאר "עסקנות", זענען געזעסן פארזאמלט ארום די טישן, און אינאיינעם פארברענגט באהבה ואחוה שלום וריעות. פאר א לענגערע צייט איז מען אזוי געזעסן, זיך צוגעהערט צו די רעפעראטן פון די ראשי העסקנים, און צווישן זיך אויסגעשמועסט גאָר וויכטיגע פונקטן איבער דרינגענדע טעמעס וואָס שטייען יעצט אויפ'ן "סדר היום" אין אונזער שטאָט.

אַ בליק אַריין אינעם ביהמ"ד "צאַנז-זמיגראַד" – וואָס האָט געדינט אַלס אכסני' פון דער אסיפה – האָט אַנטפלעקט ווי אויף אַלעמען ליגט אויסגעגאָסן א צופרידנקייט, אַ פריינטליכקייט, א רואיגקייט, און גלייכצייטיג אַן ערנסטקייט, וויסנדיג אַז מיר שטייען אין אַ דעצידירנדע צייט וואָס קען באַשליסן אונזער עתיד, און אונזער יעצטיגע צוזאמארבעט איז אַ קריטישע מיטל דאס צו דערגרייכן בעז"ה.

### א בליק אויף צוריק און א צוגרייטונג אויפ'ן עתיד — באורד רעפרעזענטאנט מוה"ר יואל שטערן הי"ו

צום ערשט האָט גענומען דאָס וואָרט דער ענערגישער איש המעש, העסקן הנמרץ ר' יואל שטערן הי"ו, יו.זשעי.סי. באָרד רעפרעזענטאַנטיוו. ר' יואל האט אָנגעהויבן מיט'ן אַרויסברענגען ווי ווייט מ'האַלט שוין דאָ, ווי אומגעהויער מ'איז אָנגעקומען און דערגרייכט בעז"ה, אַדאַנק וואָס דער ציבור האט זיך פאראייניגט אין איין צענטראַלן כח, אין איין ציבור'דיגער קערפערשאַפט. ס'איז עפעס וואס האט אמאל אויסגעקוקט אומדערגרייכבאַר, אָבער ב"ה דאָ יעצט זעט מען דעם לעבעדיגן מציאות!

ער איז דורכגעלאָפן פאַרשידענע הינזיכטן וואס מ'האט שוין באוויזן דורכצופירן אדאנק די מיטארבעט פונעם ציבור, און וויבאַלד די עסקנים שפירן ווי זיי האָבן מיט זיך דעם מאַנדאַט פון די גאַנצע היימישע באַפעלקערונג, אלע קהלות הקודש, וואס ארבעטן מיט אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד, איז בלומינגראוו ב"ה כהיום א מוסטער וויאזוי מ'קען ארבעטן באהבה ואחוה און "דעליווערן" רעזולטאַטן פון וואָס יעדער האט הנאה!

אָנגעהויבן פונעם גרינדן די באורד בשעתו; שפעטער ביים גרויסן רעגיסטראציע דרייוו; נאָכגעפאָלגט גאנץ לעצנטס ביים נעמען די חתימות פאר די "פעטיציעס" פאר די נייע קאַנדידאַטן צו לויפן פאר די ווילעדזש אַמטן. אויף טריט און שריט איבערצייגט זיך דאס איינמאל און נאכאמאל. דער עולם איז

"דאָ". דער ציבור האָט דעם פולסטן צוטרוי. מ'געטרויעט די עסקנים, מ'ווייסט אַז אַלעס פירט זיך בדרכי התורה, באופני המסורה, עפ"י הוראתם פון די רבנים שליט"א, מיט'ן איינציגן ציל: די טובה פון תושבי בלומינגראָוו.

באַזונדער האט ער אַרויסגעברענגט אַ טיפן דאַנק פאַר דער וואונדערבאַרער אָנשלוס פונעם ציבור צום "בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו" קאמפיין, ווי מ'איז אַרויס אין א באשיידענער אקציע צו העלפן פינאַנצירן די אָנגיינדע פעולות לטובת הציבור. סיי ביי דער צענטראַלער "פת שחרית", און סיי פריוואַט ווי מ'האָט זיך צוגעשטעלט מיט אזא געטריישאַפט און ס'איז אריינגעקומען אַ גאר שיינער סכום צו קענען פאָראויסשטיפן די עבודת הקודש און עסקנות אונטערנעמונגען לטובת הציבור.

### א רעפעראט אויף די בעפאָרשטייענדע וואלן — עפ"י התורה אשר יורוך

פאַרקירעווענדיג זיינע ווערטער "בענינים העומדים על הפרק", זיך גרייטנדיג צו די העפטיגע וואַלן וואָס קומען אָט צו גיין, האט דער געטרייער פאָרשטייער אין קורצן געשילדערט די אַנטוויקלונגען, די "כל התלאות אשר מצאונו", ווי בשעת מיר האָבן כסדר געזוכט יעדן מהלך און געווישטערט יעדן מיטל וואס נאר שייך צו קענען אויפלאָזן די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון די איצטיגע אַדמיניסטראַציע זיי זאָלן זיין מער סימפאַטיש צו אונזערע געברויכן, האָט מען אָבער צום באַדויערן געטאפט א וואַנט.

נאָכ'ן דורכגיין אַזויפיל רדיפות, און נאָך

וואָס אונזערע אַלע פּרואוון צוצשטעלן דאס מינדעסטע און בויען פאר זיך אונזערע קהלות און בתי מדרשים ווערן הערמעטיש בלאָקירט, איז הכל מודים אז מיט זיי קען מען נישט גיין פאראויס, און דעריבער מוז מען פּרובירן מיט אנדערע קאנדידאטן זאלן אונז פארטרעטן יושר'דיג לויטן געזעץ.

ר' יואל האָט אינפאָרמירט דעם ציבור, אַז מ'האט אריינגעגעבן צוויי באַזונדערע ליסטעס פון פּעטיציעס, היות מ'האט דערווייל נישט דעם ענדגילטיגן פסק פון די רבנים הגאונים שליט"א וויאַזוי זיך אומצוגיין מיט'ן אַריינשטעלן היימישע קאַנדידאַטן (ווי לענגער באַריכטעט אין "שטימע" נומער #3) און דעריבער כדי צו קענען זיין גרייט אויך אויף אַ פּאַל וואָס די רבנים שליט"א וועלן פּסק'ן אַז מ'דאַרף אריינשטעלן צוויי היימישע אידן אינעם באָורד, מוז מען זיין גרייט פאַר אַזאַ ווארשיינליכקייט און זיין לעגאַל קוואַליפיצירט זיי צו קענען אַריינוועלן.

## דער געניטער טאַקטיק פון אַריינגעבן "צוויי ליסטעס"

ר' יואל האט דאָ אויפגעדעקט אַביסל פאַר'ן ציבור "פון הינטער די קוליסן", ווי די עסקנים האָבן דאָ געאַרבעט מיט גרויס חכמה און פאַרשטאַנד, אַריינגעבנדיג די צוויי באַזונדערע ליסטעס, אָפּגעטיילט מיט עטליכע שטונדן.

נעמליך, דעם לעצטן דינסטאג אינדערפרי איז ער – ר' יואל – ערשינען אין ווילעדזש אָפיס און אַריינגעגעבן איין ליסטע, בעת עטליכע שעה שפּעטער האט ידידו העסקן ר' יצחק עקשטיין הי"ו, באָורד טשעירמאַן, אַריינגעקלאַפּט צום ווילעדזש האָל און איבערגעגעבן אַ באזונדערע ליסטע...

ווי זעלבסט פארשטענדליך זענען די ווילעדזש-באַאַמטע געכאפּט געוואָרן אין אַ שאָק, נישט פאַרשטייענדיג דעם באַדייט פון דעם אַז די היימישע אידן שטעלן אַרויס צוויי באַזונדערע ליסטעס... דאָס אַליין איז שוין געווען אַ געלונגענע אַקציע, צו זיין אַ שטאַפּל פאָראויס, אַז זיי זאָלן נישט קענען אויסרעכענען אונזער סטראַטעגיע...

## די טוישונגען וועלן בעז"ה זיין שנעל און עפעקטיוו!!

רעדנדיג איבער די טוישונגען וואָס דער ציבור ערוואַרטעט, און ווי מ'האט באמת גרויסע האפענונגען, און מענטשן מיינען צומאָל אַז עכטע טוישונגען דאַרפן נעמען לאַנגע יאָרן, האט ר' יואל אונטערגעשטראָכן, אַז רעדנדיג פון א לאקאלן שטאפּל איז דאָ געוויסע הינזיכטן וואס די "טשעינדזש" קען האבן א באלדיגע און באַדייטפולע עפעקט צו פאַרבעסערן די לעבנס-קוואַליטעט אין שטאָט!

אַ שטייגער, צום ביישפּיל, ווי דער




די איינלאדענונג צום אסיפת עסקנים

שאָטעל, וואָס ווערט יעצט אויסגע'רוד'פּט אונו געשטערט, דאַרף נישט נעמען מער ווי אַ טויש צו א פריינטליכע אדמיניסטראציע אין ווילעדזש, און דער פּראָבלעם איז געלעזט, בעז"ה! די זעלבע זאַך מיט די עטליכע בתי מדרשים וואָס זיצן יעצט פאַרהאַנקערט מיט ריזיגע געלטער און האַלב-געבויטע סטרוקטורן און זעען נישט קיין וועג אַרויס צוליב די רדיפות פונעם ווילעדזש. אַז ס'קומען אריין סימפּאטישע באאמטע, איז דער פּראבלעם געלעזט זייער שנעל בעז"ה!

דאַן וועלן נאָכפאָלגן טוישונגען, וואָס פאָדערן מער אַרבעט, אָבער מיט אַ קלוגן און אָביעקטיוון מהלך פון "טון צו די זאַך" און "אַרבעטן קלוג" מיט אַ פּאָזיטיווער צוגאַנג, וועט מען אי"ה צו אלעם אנקומען, א שטייגער ווי די הויכע שטייערן, איבערמאכן די וואסערן, שאַפן שטאָטישע גרענטס, אא"וו. יעדער איינוואוינער, אן אויסנאם, וועט פון די אַלע אויפטוען געניסן בעז"ה!

## באורד טשערמאן, העסקן ר' יצחק עקשטיין הי"ו: בלומינגראָוו'ס אחדות

## איז אַ קידוש ה'!

דאַן האָבן די פארזאמלטע עסקנים געהאט די געלעגנהייט צו הערן דעם העכסט באַלערנדן אויפטריט פון העסקן הנמרץ והנעלה, רב הפעלים לתורה ולתעודה, מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, פּאָרזיצער פונעם באָורד, וועלכער לייגט אריין גרויסע כוחות פאַר יעדער דבר שבקדושה פון אונזער שטאָט, למען הכלל והפּרט, און איז איבערהויפּט אינסטרומענטאַל אין די צרכי העיר ותושבי', אַלס געטרייער שליח ציבור.

ר' יצחק האט ארויסגעהויבן די וואונדערבאַרע 'אחדות' וואס הערשט צווישן ציבור און אַז ממש פון די גאַנצע וועלט קוקט מען אויף די אחדות פון בלומינגראוו, ווי אידן פון עקסטערע קהלות, וואס קענען אפילו האבן געוויסע מיינונגס פארשידנהייטן, לעבן אַזוי באחדות. ווען ס'קומט צו לעבן ווי שכנים און מ'ארבעט אינאיינעם ווי אידישע קינדער דארפן. דאָס איז א קידוש השם, א מוסטער פון א נארמאלער אידישע לעבן אז מ'קען לעבן בשלום ובריעות אפילו מ'איז אָנגעשלאָסן אין באַזונדערע קהלות, און מיר דארפן זען עס אנצוהאלטן ביתר שאת בעז"ה.

## ס'איז מעגליך אונזער לעצטע געלעגנהייט!

א גאָר קריטישע פונקט האָט ר' יצחק באַטאָנט צווישן זיינע ווערטער, אז צווישן די "פרידאָם אוו אינפאָרמעישאָן" דאָקומענטן האט מען געזען – ווי בשעתו באַריכטעט דאָ אין דער "שטימע" – אז דער ווילעזש האט געדונגען טייערע אַדוואָקאַטן צו קענען אויסארבעטן אז מ'זאל אויסציען די ווילעזש גרעניצן צו די טאון גרעניצן וואס פאַרמאָגט העכער 20 טויזענט איינוואוינער און איז איינגעטיילט אין א 'ווארד' סיסטעם, כדי גענצליך צונישט צו מאַכן אונזער וואַל כח.

איבריג צו ערקלערן, אז דאס איז אַן אויסטערלישע סכנה פאר די געגענט, אַז מיר זאָלן געניצליך פאַרלירן אונזער שטים-רעכט ח"ו אויף די קומענדיגע צענדליגער יאָרן! דעריבער איז יתכן יעצט די לעצטע געלעגנהייט וואָס מיר קענען גיין שטימען צו פאַרזיכערן אַז מיר קענען האָבן אַן אייגענע פאַרטרעטערשאַפט וואס זאל פארזיכערן אז מיר ווערן באהאנדלט יושר'דיג!

ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז מיר דאַרפן נישט קוקן קיין סאַך ווייטער ווי די שכינות'דיגע "וואודבארי געגענט" וואָס מוטשעט זיך מיט דעם פראבלעם, זיי געניסן נישט פון קיין שום לאָקאַלע פאַרטרעטערשאַפט, און אלס רעזולטאט עסט מען די גרינע גאַל אויף יעדן

טריט און שריט, ווען מ'וויל נאר עפענען א ביהמ"ד, אא"וו.

ערקלערנדיג פאַר די אָנוועזנדע מ'זאָל פאַרשטיין פארוואס מ'האט ביז יעצט נישט גערעדט פון דעם, האָט ער מסביר געווען אַז דאָס איז געווען אחריות'דיג און איבערגעטראַכט, ווייל מ'האט מורא געהאט אז די ווילעזש וועט עס נאך געבן אַ שמיר ארויף אויפ'ן בעלאט, וואָס וועט עס נאָך שווערער מאַכן צו באַזיגן. אבער יעצט אז מ'האלט שוין נאכ'ן פארמאכן די בעלאט, קען מען שוין – און מ'מוז – אויפהייבן אַ שטורמישן וויי-געשריי צו אונזער ציבור, אז מ'זאל עס בשום אופן בעולם נישט דערלאָזן!




העסקנים החשובים ביים אויפטרעטן ביים עסקנים קאנפרענץ

געזאָגט פאַר די עסקנים, דורכגייעדיג די הארטע ציפערן, וואָס זענען בעז"ה צו אונזער זייט. אבער אין די זעלבע צייט קען מען זייער לייכט אויך פאַרלירן, אויב ח"ו קומט מען נישט אַרויס מיט'ן גאנצן קראַפט, און מיט יעדע איינציגסט שטימע וואס מיר פארמאגן.

דערמיט האָט ער מיטגעטיילט עטליכע וויכטיגע דעטאלן וואס ס'איז וויכטיג די עסקנים זאלן וויסן און מיטהאלטן, זיך צוגרייטנדיג צו די עלעקשאנס וועלכע וועלן האבן אזא היסטאריש קריטישן אימפאקט אויפ'ן צוקונפט פון אונזער שטאָט.

ער האט באריכטעט, אז מיר האָבן ב"ה אריינגעברענגט א געוואלד מיט נייע רעגיסטרירטע ווילער, און בעז"ה אז דער

## די צוגרייטונגען צו די היסטאָריש וויכטיגע עלעקשאָנס

"מיר פאַרמאָגן די שאַנסן" האָט ר' יצחק

### העכסט מערקווירדיגע ערשיינונג, בהשגחה פרטית:

# דער לאָקאַלער איינוואוינער, ברויזנדיג אויפ'ן מעיאָר, בעט זיך ביים עסקן: "איר זענט אידן, טוט צו די זאַך"!

ביי זיין העכסט דראַמאַטישן אויפטריט פאַר די עסקנים האָט העסקן הנמרץ ר' יואל שטערן הי"ו דערביי דערציילט אַ מערקווירדיגע פאַסירונג פון השגחה פרטית, וואָס האָט צוגעברענגט אַז די עסקנים זאָלן באַקומען אַ נאָענטערן בליק אויפ'ן אַלגעמיינעם מצב ביי די לאָקאַלע איינוואוינער און זייערע סענטימענטן אַנבאַלאַנגט די וואַלן, און וויאַזוי זיי וועלן באַטראַכטן אונזער טיקעט ביי די בעפאָרשטייענדע עלעקשאָנס.

זייענדיג אין ווילעזש האל אַריינצוגעבן די אָפיציעלע שטים-ליסטע, איז דאָרט אין דער זעלבער צייט געווען אָנוועזנד אַן ערל, אַ לאָקאַלער איינוואוינער, וועלכער האָט געווארט זיך צו טרעפן מיט'ן מעיאר. דער פארשוין איז אַזוי געשטאנען דארט אַ שטיקל ווייל און געוואַרט מיט קענטיגער אומגעדולד. אינמיטן גיט ער אַ פרעג אָן דאָרט אין אָפיס ווען דער מעיאר וועט זיין עווילעבל, האבן זיי געאנטווארט אז ער איז אויף א 'קאנפרענץ קאל'.

מער ווי דעם האָט נישט אויסגעפעלט... דער ערל האָט זיך גענומען בונטעווען און פאַרפירן: "אַנטשולדיגט מיר, דער מעיאר איז שוין עטליכע יאר אויף א קאנפרענץ קאל! ער איז קיינמאל נישט עווילעבל! ווען מ'קומט רעדן צו אים וועגן סיי וועלכע טעמע, איז ער 'פונקט' אויף אַ מיטינג אָדער קאָנפערענץ קאָל! ס'איז דא אזויפיל פראבלעמען דאָ! וואסער, סוער, צעהאקטע ראודס, און ער איז אויף א קאנפערענץ קאָל?! איך וויל האָבן מיט אים א קאנפערענץ!"...

דער לאָקאַלער איינוואוינער איז געווען אַזוי צעהיצט, אַז ס'האט זיך אָנגעזען ווי ער איז אינערליך אויפגעבראַכט און זייער אַנטוישט פון דער גאַנצער ווילעדזש ווירטשאַפט.

דאַן, באַמערקנדיג ווי אַ היימישער איד זיצט דאָרט, גיט ער זיך פלוצים אַ דריי אויס צו ר' יואל און פרעגט אים: "ענק אידן זענען דאך 'ביזנעס פיפעל', עטץ ווייסטס וויאזוי צו מאַכן זאַכן געשען (געט טינגס דאָן), טאָ פאַרוואָס זעען ענק נישט צו טון צו דער זאַך איינצוטוישן די אדמינסיטראציע?!"

זעענדיג ווי ר' יואל איז אַזוי איבערראַשט פון די ווערטער וואָס ער האָט אים נארוואָס געזאָגט, האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט: "יאָ, איך ווייס וואָס איך רעד. עס וועט זיין אַסאַך פון די אלגעמיינע באַפעלקערונג וואָס וועלן זיך צושטעלן צו ענק. 'די קרעיזי פיפל פון די ווילעזש מאסט בי אַוט, ווי ניד א ביג טשעינדזש היער'"! (די צעדרייטע מענטשן פונעם ווילעדזש מוזן זיין אינדרויסן; מיר ברויכן דאָ אַ גרויסן טויש!)

ווען ר' יואל האט אים אנטפלעקט, אַז דאָס איז טאַקע די אורזאַך פון זיין יעצטיגן וויזיט דאָ, אריינצוגעבן א שטים-ליסטע, האָט יענער אויסגעדרוקט אַ קענטיגע עקסטאז דערצו, און אים געזאָגט: איך וועל שטימען פאַר די ליסטע וואָס די אידישע איינוואוינער שטעלן אַרויס! ר' יואל האט אויסגעטוישט קאָנטאַקט מיט אים, און אים פאַרזיכערט, אַז די איינציגסטע זאַך וואָס מיר זוכן איז צו באַדינען אלע איינוואוינער גלייך, און אַרבעטן פאַר די געגענט געטריי און ברענגען עפעקטישע אויפטוען פאַר די וואוילזיין פון דער גאַנצער שטאָט.

דאָס איז געווען א העכסט אינטרעסאנטע אַנטוויקלונג, וואס האט איבערצייגט פאר די עסקנים, אַז יעצט איז די צייטווירקליך רייף ווי קיינמאָל בעפאָר צו מצליח זיין אַריינצוברענגען אַ טויש, און ווי מיט אן אחריות'דיגע ערנסטע צוגאַנג וועלן אפילו די אָרנטליכע אלגעמיינע איינוואוינער איינזען אַז מיר זוכן דאָ אַ טויש וואָס וועט זיין צום גוטן און א בענעפיט פאר די גאַנצע שטאָט.

**ויה"ר שיתקדש שם שמים על ידינו.**

עולם קומט שטארק ארויס קען מען געווינען, און מ'האט געבעטן די עסקנים צו נעמען א טייל, צו פאַרזיכערן אַז "יעדער" קומט אַרויס. אויף אַ סיסטעם פון שרי מאות ושרי עשרות אא"וו, וואס האט זיך ארויסגעשטעלט אלס שטארק אַפעקטיוו אין אַנדערע געגענטער, זאָל "יעדער" פון די עסקנים נעמען אויף זיך א ליסטע פון מענטשן וועמען זיי וועלן באַגלייטן אינעם קריטישן וואַל-טאָג, זיכער צו מאַכן אז זיי קומען ארויס שטימען אין די עלעקשאָנס.

באַזונדער האט ער געמאָלדן אַז די עסקנים וועלן אי"ה צושטעלן 'קאר סערוויסעס' פאר די פרויען און בעיביסיטערס, זיכער צו מאכן אז יעדער האָט די מעגליכקייט ארויסצוגיין שטימען, און "יעדע איינציגסטע שטימע" וואס מיר פארמאגן, ווערט בעז"ה אַריינגעגעבן, איבערצואוועגן דעם צינגל לטובתינו.

ער האָט אויסגעשמועסט די נושא פון "עבעסענטי בעלאָטס", וואָס קען טיילמאָל האָבן אַ קריטישן באַדייט צו אַנטשיידן די אויסגאַנג אין פאַל די רעזולטאַטן זענען זייער נאָנט. אויב וועלן זיין מענטשן וואָס וועלן פעלן אין טאָג פון די וואַלן, דאַרף מען זיי באארבעטן פון פאראויס צו פארזיכערן אז מיר פארלירן נישט קיין איין איינציגסטע שטימע. ער האָט מיטגעטיילט די פאָרשריפטן פון די בעלאָטס און וויאַזוי צו אַרבעטן דערמיט.

## די עסקנים ווערן "אַנטשלאָסן", און מיט א פייערדיגן געמיט "אנגעשלאסן"

נאָכ'ן הערן די לענגערע און קלארע רעפעראטן פון די ראשי העסקנים, און נאכ'ן זיך צונויפשמועסן אינאיינעם ברוב יועץ, איז אַלעס געווען אַנטשלאָסן, אַז מיר גייען בעז"ה זיך ארויסלאזן און טון אלעס אויף דער וועלט צו ברענגען די הצלחה לטובתינו ולטובת עירנו בלומינגראוו יצ"ו, ווייל אם החרש תחרישי לעת כזאת, אויב וועט אונזער "שטימע" נישט געהערט ווערן, דאַן זענען מיר אויסן צו דערלייגן אָן אַ שיעור, ה"י.

עס איז געווען אָט די "אַנטשלאָסנקייט" וואָס האָט געברענגט א פייערדיגע "אָנגעשלאָסנקייט", ווען "אויפ'ן פלאץ" האָבן אלע פארזאמלטע ששים גבורים, גבורי כח עושי דברו, גענומען אויף זיך פאַקטישע פאָזיציעס סיי אין צוגרייטונג צו די עלעקשאָן און סיי אינעם וואַל-טאָג זעלבסט. מ'האט זיך צעטיילט מיט די ליסטעס, גענומען אויף זיך מיסיעס אַדורכצופירן, ווען יעדער רעגיסטרירט זיך ביי די עסקנים אַז מ'איז גרייט צו העלפן מיט יעדע סאָרט הילף וואָס נאָר מעגליך!




אָן אַ שיעור חיזוק, אָן אַ שיעור מוט, אָן א שיעור אינספיראַציע, אָן אַ שיעור ענערגיע, האָבן די געטרייע און איבערגעגעבענע "שלוחי הציבור", אונזערע פאָרשטייער אין יו.זשעי.סי., גענאָסן פון דער אסיפת עסקנים. ס'האט איבערצייגט, ס'האט איבערגעוויזן, ס'האט דעמאָנסטרירט, קלאר און דייטליך, אַז די "פאראייניגונג" ביים ציבור איז אויף די העכסטע שטאַפלען. אלע קהלות, אלע שיכטן, אלע סאָרטן, יעדער איז "דאָ", מיט'ן גאַנצן האַרץ, און מיט אַזאַ אומברעכבאַרן כח האחדות זענען מיר בעז"ה פאַרזיכערט אַז בשם ה' נעשה ונצליח!

**אַ דערפאָלגרייכע פאַראייניגונג פון עסקנים – וואָס האָט דעמאָנסטרירט די פאַראייניגונג פון בלומינגראָוו!**

עדיטאריעל: **מתתי' דייטש**

# כל התחלות קשות...

דאס שטעטעלע בלומינגראוו, אונזער באליבטע און בא'חנ'טע וואוין ארט, גייט אצינד אריבער די סאמע ברען פון איר "כל התחלות קשות" עפאכע, ווען שוין נאכ'ן דורכפירן די דראסטישע שריט פון זיך אהערציען צו א נייע געגנט, באגעגענען מיר זיך ווידעראמאל מיט די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פראבלעמען, וועלכע שטאמען אלע פון דעם אור – אלטן טראדיציאנאלן: "שנאת עולם לעם עולם".

גענוי ווי מיט אריבער פערציג יאר צוריק ווען רבינו הק' זי"ע האט געגרינדעט זיין שטעטל, ווי אויספירליך באשריבן צווישן די שפאלטענעס פון 'די שטימע', האבן מיר אצינד אויך די זעלבע שוועריגקייטן. די ארומיגע גאס גלייכט אונז נישט ספעציעל, מיר פארמאגן דאך פארט אן אנדערע קולטור, אן אנדערע מהות און אן אנדערע געהויבענע לעבנסשטייגער, טוען זיי אלזא אויספאלגן ערליך, די הלכה בידוע פון 'עשיו שונא ליעקב', למהדרין מן המהדרין.

מיר שטייען אין א סיטואציע ווען אונז אלע, תושבי בלומינגראוו, זענען איינפאך באגרעניצט מיט געבינדענע הענט ביי יעדן הינזיכט און אויפ'ן יעדן געביט.

אידישע קינדער געבענטשטע משפחות וואקסן בליעה"ר אבער עס איז נישט ערלויבט צו ארויסבויען די היזיגע קליינע דירות, וואס איז דורכשניטליך נישט גענוג פאר אונזערע משפחות. מען גייט דורך שבעה מדורי גיהנום צו באקומען די נויטיגע פערמיטן און ערלויבעניש צו קענען בויען א שטיקל 'עקסטענשאן' פאר א ריכטיגע הרחבת הדעת.

אויך אונזערע רוחניות'דיגע שטיבער, די בתי מדרשים און מקוואות, זענען ליידער אונטער א פולקאמע אטאקע. מערסטנס בתי מדרשים און קהלות דא אין שטאט פארמאגן נישט קיין געהעריגע רחבות'דיגע מקום לתורה ולתפלה, און א גרויסע טייל פון זיי זענען אונטער אנגייענדע 'ווייאלעישאנס' און ענדלאזע שיקאנירונגען, א דאנק די שטייפע האנט פון די שטאט טאטעס, וועלכע טוען אלעס אין זייער מעגליכקייט צו פארזיכערן אז אידן האבן נישט קיין גרויסע געהעריגע שולן און מקוואות צו דינען השי"ת.

אונזערע פרויען און קינדער זענען אוועקגערויבט געווארן פון זייערע מינימאלע טראנספארטאציע געברויכן ווען די וואויל בארימטע "בלומינגראוו שאטל" - וואס איז געשטאנען צו אונזער דינסט, נישט צו דארפן צאלן די הויכע פרייזן פאר 'קאר סערוויס'- איז בייזוויליג פארשלאסן געווארן. אנשטאט די 'שטאט ראט' זאלן אונז העלפן מיט אזא וויכטיגע געברויך, ווי עס איז דער שטייגער אין יעדע אנדערע ווילעדזש און מוניציפאליטעט לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן, באקעמפן זיי דאס מיט ציין און נעגל פאר יעדן פרייז.

אבער נישט בלויז היימישע און אידישע נויט-באדערפענישן, קומען די ווילעדזש באממטע נישט נאך. נאר אפילו אזא שרייעדיגע פראבלעם, וואס מיר האבן דא מיטן וואסער סיסטעם, וואס איז אלט, קראנק און שוואך, ווערט נישט געלעזט. און אלס א רעזולטאט האבן מיר נישט ריינע, ברוינע וואסער. וואס מ'קען נישט וואשן די וועש אדער די געשיר, און זיכער נישט ניצן צו טרינקען און צו קאכן.

דאס געלט וואס זיי טוען איינקאסירן פון אונזערע שטייערן, וואס ברויך ווען גיין פאר די מינימאלע געברויכן פון א שטאט, ווי איבערפלאסטערן אזעלכע גאסן ווי די סיערס און גרין געסעלעך - וואס איז צובראכן און דארף נויטיג פארראכטן ווערן – ווערט אבער פארנוצט צו פארשווענדן פאר קאסטבארע אדוואקאטן אונז צו באקעמפן אין געריכט און צו ערצייגן פרישע געזעצן, חדשים לבקרים, וואס זאל שטערן אונזער רואיגע לעבן.

★ ★ ★

מיר זענען ערליכע אידן, וואס ווילן לעבן אין גלות בשלום ושלווה מיט אונזערע נישט -אידישע שכנים. מיר ווילן אויף קיין שום וועג, זיך נישט רייצן מיט זיי, נאר פונקט פארקערט. מיר האבן פראבירט פאר איבער דריי יאר, זיך צו בעטן און וויינען, אז זיי זאלן אונז שטיין צו הילף. אבער אלעם איז געפאלן אויף טויבע אויערן.

אצינד, איז געקומען די צייט, ווען די אחריות איז געפאלן אויף אונז צו טון למעשה און אריינוועלן קאנדידאטן וועלכע זאלן פארטרעטן אונזערע אינטערעסן מיט יושר און אחריות, ווי די חשוב'ע רבנים פון שטאט זאגן עס קלאר מיט זייער דעת תורה הברורה, אז דאס האט געוויס נישט קיין שייכות מיט אזעלכע ענינים פון התגרות באומות חלילה, נאר עס איז די פשוט'ע דרך השתדלות וואס דארף געטון ווערן להציל עשוק מיד עשקו. פונקט ווי יעדער איד וועלכער ווערט בארויבט אדער בע'עולה'ט דורך א גוי, ברויך טון די נויטיגע שריט וואס פאדערט זיך בתורת השתדלות צו ראטעווען אידיש געלט.

מי לנו גדול פון אונזער הייליגער רבי זי"ע, וועלכער האט זיין גאנץ לעבן מקריב געווען פאר די גרויסע מסירת נפש'דיגע מלחמה קעגן די משנאי ה' און זייערע מעשי התגרות באומות. אבער טאקע דערפאר האט דער רעיא מהימנא קדישא אונז אויסגעטרעטן דעם גלייכן וועג, אז ווען אידן קומען וואוינען אין א נייע פלאץ און מען לאזט נישט צו זיי זאלן לעבן במנוחה, דארף מען טוען וואס עס פעלט אויס, צו קענען לעבן, נארמאל און רואיג, אן קיין שטערונגען. ווי באקאנט וויפיל דער רבי זי"ע האט בשארית כוחותיו באגלייט און מחזק געווען אלע באמיאונגען בימים ההם זיך צו אפטיילן פון די גוי'אישע באהערדע וועלכע האבן געשטעלט פיסלעך נישט צו דערלאזן דעם וואוקס פון אידן אין דער געגנט.

★ ★ ★

וויכטיגער פון אלעם איז צו פארזיכערן אז די הערליכע "אחדות" כאראקטער - מיט וואס אונזער שטאט איז געבענטשט - זאל ווייטער אנהאלטן און נאך שטערקער ווערן. אצינד ווען מען שטייט בעפאר די וואלן, ליגט אויף אונז אלע דער הייליגער פליכט, זיך צו פאראייניגען כאיש אחד בלב אחד און צוזאמען אויספאלגן די הוראה פון די רבני העיר שליט"א.

צוויי אידן, זאגט די וועלט, איז דריי דעות. יעדער האט זיין מיינונג, יעדער פארשטייט און האלט א געוויסע וועג. אבער אצינד איז נישט קיין צייט פאר חילוקי דעות און וויכוחים, מיר דארפן אלעם לייגן אין א זייט און טוען דאס ריכטיגע צו פארמיידן א בכי' לדורות חלילה. דאס איז בלויז פאר אונזער טובה. אז עס זאל נישט ארויס קומען דערפון שלעכטס ח"ו, פאר אונזער שטעטל בכלל, און פאר יעדן יחיד בפרט.

**פארזעצונג אויף זייט 9**

**אַדאַנק "פרידאָם אָוו אינפאָרמעישאָן" פאַרלאַנג דורך יו.זשעי.סי:**

# סקאַנדאַליעזע אויפדעקונג איבער אינטריגעס אַוועקצורויבן פאַרטרעטערשאַפט-מעגליכקייטן פון אידישע איינוואוינער, דורכ'ן איבערשרייבן ווילעדזש'ס גרעניצן, טרייסלט אויף בלומינגראָוו

**בייזוויליגע אינציאַטיווע אויסצושפרייטן די גרעניצן פונעם ווילעדזש לענגאויס גאַנצן שטח פונעם בלומינגראָוו טאַון, וואָס וואָלט אויטאָמאַטיש פאַרמעקט וואַל-כח פונעם היימישן ציבור, איז פערזענליך אָרקעסטרירט געוואָרן פונעם מעיאָר און ווילעדזש-אַדוואָקאַטן מיט'ן קלאָרן ציל צו באַקריוודען די אידישע אינוואוינער פון זייערע עלעמענטאַרע שטים-רעכטן**

בלומינגראָוו. – אַ דראַמאַטישע אויפדעקונג איז די היינטיגע וואָך צושטאַנדגעקומען און אויפגעטרייסלט די עסקנים, ווען אַ פרייהייט פון אינפאָרמאציע פאַרלאַנג צום בלומינגראָוו ווילעדזש האָט פראָדוצירט אַ ריי דאָקומענטן וועלכע האָבן אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס "כי צוררים המה בנכליהם", און אַ געצילטע בייזוויליגע אינטריגע ווערט געוועבט הינטער אונזער רוקן צו אַנולירן און פאַרמעקן אונזער וואַל-קראַפט ח"ו, דורכ'ן איבערשרייבן די גרעניצן פונעם בלומינגראָוו ווילעדזש.

אין אַן אויסטערלישער סייעתא דשמיא האָט צום יו.זשעי.סי. באָורד געגרייכט די האָר-אויפשטעלענדע אַנטדעקונג, אַז אין די ווילעדזש קאָרידאָרן טוט מען העפטיג פלאַנירן, דורך אַ ריי הינטער-די-קוליסן אַקטיוויטעטן און לעגאַלע מאַכינאַציעס, צו צעברעכן דעם "וואַל-כח" און אַוועקנעמען די פונדאַמענטאַלע שטים-רעכטן פון די אידישע איינוואוינער – שריט וואָס וועלן גענצליך צונישט און אומניצליך מאַכן אונזער וואַל-קראַפט פאַר כאָטש צען-פופצן יאָר ח"ו.

טראָץ וואָס ס'שוין אַריבער עטליכע טעג זינט די אַנטדעקונג איז געמאַכט געוואָרן, זענען נאָך די עסקנים אַלץ צעטרייסלט פון וואָס מ'איז געוואויר געוואָרן. מ'האָט זיך אַליין נישט געגלויבט "עד היכן הדברים מגיעים"!

ס'האָט זיך איינפאַך נישט געוואָלט לאָזן לייגן אויפ'ן שכל, אַז אונזערע 'פאַרטרעטער' זיצן און פלאַנירן טאָג און נאַכט "הבה נתחכמה לו"; מ'שפּענדעט אויס שטייערצאָלער געלטער אויף אויסצו'חשבונ'ען וויאַזוי קען מען איבערקלוגן די אידישע איינוואוינער, אונז באַקריוודן און פאַרזיכערן אַז מיר קריגן נישט קיין שום ערוויילטע אַנערקענונג צו זאָרגן פאַר אונזערע רעכטן און געברויכן אין די קומענדיגע פעריאָדע פון יאָרן, חלילה וחס!

## דער "פרידאָם אָוו אינפאָרמעישאָן" פאַרלאַנג

מיט עטליכע וואָכן צוריק האָבן די עסקנים אַריינגעגעבן אַ "פרייהייט פון אינפאָרמאַציע" פאַרלאַנג, וואָס פאַרמאָגט אַ לעגאַלן תוקף צו צווינגען אַ מוניציפּאַליטעט אַרויסצוגעבן דאָקומענטן וואָס ווערן פאַרלאַנגט. דער אָריגינעלער ציל פונעם "עף.אָו.איי" איז געווען צו דערהאַלטן דאָקומענטן וואָס דערציילן איבער די "ווילעדזש אויסגאבן", צו זען און פאַרשטיין וואו דאָס שטייערצאָלער געלט גייט אַהין, ווייל לאָקאַל איז דאָ אָן אַ שיעור וואָס דאַרף געטון ווערן אָבער דער אויסרייד איז אַלץ אַז "דער ווילעדזש האָט נישט גענוג פאָנדן".

נאָכ'ן דערהאַלטן דעם סטויג מיט דאָקומענטן, האָבן די עסקנים און אַדוואָקאַטן פונעם ציבור אָנגעהויבן פאָרזיכטיג עקזאַמינירן דאָקומענט נאָך דאָקומענט, ווען צוביסלעך הייבט זיך אָן אַרויסשיילן אַ בילד פון אַ ווילעדזש קאסע וואָס איז "איבערגשטרענגט" אַדאַנק אַ צאָל גענצליך אומנויטיגע קאַמפן קעגן איין טייל פון אירע איינוואוינער, ווי אַ שטייגער די קאָסטבאַרע מערכה מיט דעם בלומינגראָוו שאָטעל וואָס האָט אַרויסגעשעפּט אַ פערטל מיליאָן דאָלער פונעם ווילעדזש, און דערפאַר איז נישטאָ קיין פאָנדן צו פאַרריכטן געלעכערטע גאַסן...

אָבער, בעת יעדע שטיקל אינפאָרמאַציע איז געווען ציפּעדיג און ווייטאָגליך ביז גאָר, זיך איבערצייגנדיג ווי די "עכטע" געברויכן פון די איינוואוינער ווערן איגנאָרירט בעת אומ'שכל'דיגע לעגאַלע שטרייטן ווערן אָן אַ פּיפּס ברייטהאַרציג פינאַנצירט, האָט מען אָבער דעם ריכטיגן "שאָק" געכאַפּט פון אַנטדעקן עפּעס וואס מ'האט זיך בכלל נישט געראכטן.

די לעגאַלע "בילס" פאַר ספּעציפישע מומחים דורכצופירן שטודיעס און צוגרייטונגס-אַרבעט איבערצושרייבן די ווילעדזש'ס גרעניצן, האָט געברענגט צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די געניטע עסקנים'ס אויגן, אַז דאָ ווערט אויסגעוועבט עפּעס גאָר בייזוויליג און שרעקעדיג קעגן אונזער עקזיסטענץ!

דאָקומענט נאָך דאָקומענט פון דעם "פייל" האָט געברענגט די עסקנים און אַדוואָקאַטן צו קומען צו דער קלאָרער אַנערקענונג, אַז



דאָ פּלאַנירט מען נישט בלויז עפּעס אַ פרישע צייטנווייזע מערכה'לע אונז צו באאומרואיגן, אונטער'ן מאַנטעל פון געזעץ געבן די אידישע איינוואוינער נאָך אַ שנעלקעלע הינטער'ן אויער צי הינטער'ן צוים פון אַן אומשולדיגן סווימינג-פּול, נאר דא קאָכט זיך אויס א ברייטע און פארצווייגטע לאנגטערמיניגע "מייסטער-פּלאן" אונז צו פאַרלויפן דעם וועג פון גרייכן סיי וועלכע פּאָליטישע אַנערקענונג און ערווייילטע פּאַרטרעטערשאַפט אין די בעפּאָרשטייענדע יאָרן!

## דער "הבה נתחכמה לו" פּלאַן תש"פ!

ס'האט זיך איינפאַך אַרויסגעשטעלט, אז דאָ האַלט זיך העפטיג אינמיטן אויסקאָכן אַ היינט-צייטיגער "הבה נתחכמה" פּלאַנירונג, וואָס ווערט געטריבן פון דער אור-אַלטער "פּן ירבה" דאגה וואס דערקוטשעט די מוחות פון שונאיהם של ישראל שוין טויזנטער יאָרן.

זיך דערזעענדיג מיט אַ מציאות פון הונדערטער היימישע משפּחות וואס וואקסן און בליען בליעה"ר און אנערקענענדיג אַז די "ווילעדזש און בלומינגראוו" איז שוין היינט באזעצט פון א באדייטנדן צאל אידישע איינוואוינער בליעה"ר וואָס זענען קאָלעקטיוו שוין גענוג גרויס צו קענען גרייכן אייגענע פּאַרטרעטערשאַפט וואָס זאָל פאַרזיכערן אַז די געמיינדע'ס פארלאנגען און געברויכן ווערן נאָכגעקומען, זענען די "ווילעדזש פירער" אויפגעקומען מיט אַ געניאַלן בייפאַל.

מ'האָט אויפגענומען, פאַר טייער געלט, מומחים וואס ספּעציאַליזירן זיך אין איבערשרייבן די גרעניצן פון אַ ווילעדזש, כדי אויסצופּלאַנירן אַ גאַנג וואָס זאל אויסציען דעם שטח פונעם ווילעדזש לענגאויס די פולע גרעניצן פונעם "טאַון אָוו בלומינגראָוו", וואָס דאָס באַדייט אַז דער צאָל אידישע משפחות וועט ווערן פאַרשוועמט אינעם גרויסן צאָל אַלגעמיינע איינוואוינער און דערמיט נישט קענען זיך דערדראַפּען צו א אידן-פריינד פאַרטרעטערשאַפט אינעם ווילעדזש!!!

איראָניש איז אָנגעצייגט געוואָרן, אז דער גאנצער ווילעדזש איז דאָך אריגינעל בלויז געשאפן געוואָרן צו שטערן פאר'ן וואוקס פון אידישע איינוואוינער, צו "פּרעזערווירן בלומינגראָוו" אין זייער שפּראַך, און אצינד, ווען דאס האט זיך ב"ה נישט רעאַליזירט און דער ווילעדזש איז שוין היינט ב"ה באוואוינט מיט אזויפיל הונדערטער היימישע משפחות, מוז דער "הלכה בידוע" ערצייגן פרישע געקינצלטע מאַכינאַציעס וויאַזוי צו דיסקרימינירן קעגן די ערליכע אָרנטליכע בירגער און גלייכע שטייערצאָלער.



FEERICK LYNCH MacCARTNEY & NUGENT PLLC
9th South Broadway
South Nyack, New York 10960

845-353-2000
Fax number - 845-353-2789

June 22, 2018

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, NY 10914
Attn: Mayor James LoFranco

APPROVED
JUL [illegible] 2018
By:

In Reference To: SBG (Annexation Litigation) H-3010-15 BDN
Invoice #36902

Professional Services

| | | Hours | Amount |
|---|---|---|---|
| 5/3/2018 | Receipt and review on case law for potential expansion of Village to Town Borders or similar to Village of Woodbury effort on same; follow up on issues for consolidation of governmental functions; preparation for conference with Client and Supervisor concerning same. outline of Memo on steps to be taken; review of Metro Assets Planning Board Agenda item. | 2.40 | $480.00 |
| | For professional services rendered | 2.40 | $480.00 |
| | Balance due | | $480.00 |

A. 1420. 100

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
JUL 0 2 2018

Please make checks payable to: FEERICK LYNCH MacCARTNEY & NUGENT PLLC

For the convenience of our Clients payments can be made by the following credit cards:
Visa/MC/AMEX/Discover Card
Please contact our Accounts Manager for Payment Forms

**דער דאקומענט וואס צייגט אז די ווילעדזש נוצט שטייערצאלער געלטער פאר אדוואקאטן וויאזוי אויסצושטעלן א פּלאן אז די אידישע כח אַלס ציבור זאל געבראָכן ווערן, מיט א פּלאן וואס זאל אויסציען ווילעדזש לענגאויס די פולע גרעניצן פונעם "טאַון אָוו בלומינגראָוו"**

**וויכטיג אנצומערקן אז דער דאטום אינעם דאקומענט איז אין מאי 2018 למספרם, קורצליך נאך וואס דער אמטירענדער מעיאר איז איינגעשוואוירן אין אמט. אין די תקופה פון שליסן די ביהמ"ד אויף 13 דאללאס.**

דאָס איז אַמאָל זיכער, אַז אויב זאָל זיי געלונגען אויסצוציען די גרעניצן פונעם ווילעדש, אריינעמענדיג פרישע טויזענטער נישט-אידישע איינוואוינער פונעם טאון אַלס ווילעדזש איינוואוינער, דאַן איז אונזער כח אַלס ציבור געבראָכן! פאר די נעקסטע צענדליגער יארן וועט נישט זיין קיין שום קראַפט פאר אידן אין די וואַלן און אונזערע געברויכן וועלן ח"ו קענען אינגאַנצן באַקריוודעט ווערן, אָן דאַרפן אָפּגעבן פּאָליטישן דין וחשבון פאַר קיינעם און אָן קיין שום שרעק פאַר סיי וועלכע קאָנסעקווענצן!

אויף וויפיל הינזיכטן דאָס קען זיך אויסשפּילן און שטערן וויל מען אפילו נישט טראַכטן! פון פאָרסירן די יעצטיגע געזעצן ביז'ן איינפעדימען פרישע דיסקרימירנדע געזעצן וואָס קענען פאַרבאָטן גענצליך פון בויען סיי וועלכע בתי מדרשים אא"וו, און נאָך פאַרשידנס וואָס איז אומשטאַנד איינפאַך צו פּאַראַליזירן דעם וואוקס און פאַרשווערן דאָס וואוינען פאר היימישע משפחות דאָ אין שטאָט אויף טריט און שריט, חס וחלילה!

## בלומינגראָוו: למען עתידתנו לא נשקוט!

מ'קען נישט גענוג אַרויסהייבן די ערדרייכונג בחסדי ה', אַז די עסקנים האָבן באַצייטנס באַוויזן אויפצוכאַפּן די אַלאַרמירנדע סיגנאַלן איבער די בייזווילליגע אינטריגעס, וואָס האָפענטליך יעצט, אַז דער ציבור וועט זיין באוואוסטזיניג איבער וויאַזוי מ'וויל אונז ח"ו איבערוואַרפן און ענג מאַכן, וועט מען זיך אַנטשלאָסענערהייט צוזאַמנעמען נישט צו דערלאָזן אַזאַ הימלשרייענדן אומרעכט פּאַסירן, און מ'וועט ביי די יעצטיגע וואַלן – וואָס קען גאַנץ מעגליך זיין אונזער לעצטע מעגליכקייט זיך צו לאָזן הערן – טון אַלעס אויף דער וועלט צו באַשיצן אונז און אונזער ציבור בעז"ה!

ס'ווייסט יעדער, אין יעדער רעגירונג אומעטום, אז די פארזארגענישן פון א ציבור קען בלויז פאַרטרעטן ווערן דורך אייגענע פאָרשטייער, און על אחת כמה וכמה

ווען ס'האנדעלט זיך אין אזא פּלאץ ווי דאהי אין בלומינגראוו, וואו מיר האבן שוין ליידער געשפּירט אויף די אייגענע הויט – און מיר שפּירן עס יעדן טאָג – די קאָנסעקווענצן פון נישט האָבן קיין אייגענע פארטרעטערשאַפט.

זיצן זיך טאָג-טעגליך לאָקאַלע באַאַמטע און פאַרשווערן דאָס לעבן פאר אונזער ציבור, נישט האבנדיג די מינדעסטע סימפּאַטיע צו אונזערע עלעמענטאַרע לעבנס-געברויכן. קענען מיר זיך דאָס ערלויבן אין לאַנגן טערמין?! קענען מיר אפילו טראַכטן פון ווערן אויסגעשטעלט צו אַ הילפלאָזע סיטואַציע אָן קיין מעגליכקייטן זיך צו פאַרטרעכטן אויף די נעקסטע צוויי צענדליג יאָרן?! נישטאַמאָל קען עס קומען אויפ'ן געדאַנק!

יעצט אז מ'איז באוואוסטזיניג איבער די בייזע אינטריגעס וואָס וועבן זיך אונטער פאַרמאַכטע טירן צו פאַרהאַקן אויף אונז דעם טיר און צו – בוכשטעבליך – "וואַרפן דעם ציבר אונטער'ן באָס", קענען סיי די עסקנים און אַדוואָקאַטן פונעם ציבור אַרבעטן זיך צו באַשיצן און אויף פאַרשידענע לעגאַלע באַזיסן פּרובירן דאָס צו פאַרמיידן פון פּאַסירן, און סיי דער ציבור קען זיך צונויפנעמען מיט אַלע כוחות צו פאַרזיכערן אַז מיר ברענגען אַרויס יעדע איינציגסטע שטימע אין דעם פאַראייניגטן כח וואָס וועט צושטאַנדקומען בעז"ה אויפ'ן רוף פון די עסקנים און רבנים פון אונזער שטאָט.

דאָס טוט ווידעראמאל אונטערשטרייכן און ווידערהאָלן די אומשאצבארע וויכטיגקייט, אז מ'זאל ביי די יעצטיגע וואַלן אַריינקומען מיט א באדייטנדער איבערוויגנדער וואַל-כח, וואס זאל אונז שענקען א פּערמאנענטע פארטרעטערשאַפט אינעם ווילעדזש, אזוי אז מ'זאל קענען פארמיידן פון סיי וועלכע פאַטאַלע אומצוריקדרייבאַרע שריט וואָס קענען שווערליך שעדיגן אונזער עתיד. מיר קענען אין אַזאַ צייט, ווען די הויט ברענט אויף אונז, נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט!!!



לינקס איז די מאפּע פון ניו יארק סטעיט, אנגעצייכנט אין שווארץ איז "ארענזש קאונטי" אין די מאפּע אויף די רעכטע זייט איז א נענטערע בליק אויף די מאפּע פון ארענזש קאונטי, אנגעצייכנט אין רויט איז די "טאון אף בלומינג גראוו" די געלע חלק דערפון איז אונזער "ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו"

בלומינגראָווער איינוואוינער דאַנקען דעם אויבערשטן אז מ'איז באצייטנס געוואויר ווערן פון די בייזוויליגע פּלענער, און מ'פּאָלגט נאָך מיט שפּאַנונג די אַנטוויקלונגען, פון וועלכע מ'וועט נאָך וואַרשיינליך פיל הערן אין די צוקונפטיגע טעג און וואָכן ווען די אינפאָרמאַציע ווערט צענומען און אַנטוויקלט.

דער ציבור שטייט פאַראייניגט אונטער די עסקנים, וועלכע ווירקן אויסשליסליך לויט די שטענדיגע הדרכה פון הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א וועלכע צייגן קלאָר הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, אויף יעדן טריט און שריט.

גלייכצייטיג טוען די עסקנים אויפפאָדערן דעם ציבור צו מתפלל זיין פאַר די הצלחה, מ'נויטיגט זיך אין סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט, חפץ ה' בידינו ישכיל ויצליח, צו פאַרמאָגן חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם צו קענען טון און אויפטון למענינו, למען עירנו ולמען קהלות הקודש, אז מיר קענען דא בלייבן וואוינען, דינען דעם רבוש"ע און מחנך זיין אונזערע קינדער מיט רואיגקייט און צופרידנהייט, השקט ובטח, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין לבנין עיר ציון וירושלים, אמן.

**לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי!**

**פארזעצונג פון זייט 6**

אלס דער קרוין פון די גדולי הרבנים הגאונים והצדיקים שליט"א פון דער שטאט האבן מיר די זכיה אז כ"ק אדמו"ר מ'צאנז-זמיגראד שליט"א, האט קובע געווען דאהי ביתו נאוה קודש און קומט ארויס די זומער וואכן און שיינע שבתים און ימים טובים איבער'ן יאר.

וואויל איז אונז אז מיר קענען זיך דרייען במחיצתו פון דעם געהויבענעם הייליגן איד, דער גאון עולם וואס פון די גאר אינגע יארן, שלאפט נישט קיין נעכט; דער עובד ה' מנעוריו וואס איז מקדיש רוב שעות פונעם מעת לעת, זיך צו מייגע זיין אויף די הייליגע תורה; דער צדיק אמת וואס שיינט ארײן מיט זיינע פייערדיגע תפלות און טישן ווען מיר קענען מיטהאלטן פון דער נאנט די עבודה פון א פארצייטישן רבי אויפ'ן אלטן חסידי'שען שטייגער. דאס איז אויסער וואס דעם רבינ'ס ווארימע הארץ, איז אפן פאר יעדן איד און סיי וואס פאר א בקשה אדער שאלה, נעמט דער רבי שליט"א אויף מיט א פנים צהלות און הייליגע ברכות.

וואס דארפן מיר אלזא מער פון די הוראת קדשו פונעם רבי'ן שליט"א, וואס האט שוין גע'פסק'נט מיט קלארע ווערטער אז מיר דארפן טון אלעם וואס ליגט אין אונזערע הענט צו ארויסגייען וועלן פאר די יו.דזשעי. סי אינדראסירטע קאנדידאטן, צווישן זיי א היימישער איד פאר'ן טראסטי פאזיציע, לקיים רצון צדיק.

אייגנטליך האבן מיר אצינד די לעצטע געלעגנהייט, וואס וועט ווארשיינליך קיינמאל מער נישט צוריקקומען. ווייל די לאקאלע פאליטיקאנטן האבן א פלאן, אויפצולעזן די גאנצע ווילעזש, עס זאל צוריק ווערן א חלק פון די גרויסע טאון פון בלומיגראוו, וואס אויב ח"ו דאס געשעט פארבלייבן מיר א 'מיעוט שאינו מצוי' קעגן די טויזענטער איינוואוינער פון די טאון, און אונזערע אויסזיכטן צו באקומען אונזערע געברויכן פארבלייבט ביי זערא.

מיר אלע אינאיינעם, תושבי השכונה, האפן און קוקן ארויס, אויף די הארציגע און פעלזן פעסטע צוזאמענארבעט פון אלע קהלות דא אין שטאט, פונקט ווי ביז היינט. לאמיר זיך צוזאם נעמען כאיש אחד, און אריינוועלן קאנדידאטן וואס וועלן פארטרעטן אונזערע רעכטן אז דאס אידישע שטעטל זאל בליען שענער און בעסער ווי ביז אהער. ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צום ישועה הכללית בביאת משיח בן דוד

**מכאן ואילך יערב לכם... ובשם ה' נעשה ונצליח!**

# פייערליכע רגשי שמחה וחדוה צווישן תושבי בלומינגראָוו ביי ערהאַבענעם מעמד "שבע ברכות רבתי" לכבודו פון פאר העיר והדרו, תל תלפיות, כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז-זמיגראַד שליט"א

**האיר פני המזר"ח: פראַכטפולער אויבנאָן פון אַלע רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, עיני העדה ומנהיגי הקהלות אין בלומינגראָוו, וואָס קומען זיך מיטפרייען בשמחתו הגדולה פון רבי'ן שליט"א**

ותושבי"ם ברינה יגילו:

**פייערדיגע ריקודין פון תושבי העיר שפיגלען אָפּ די רגשי אהבה והערצה פון כל קהלא קדישא הדין צום רבי'ן שליט"א וואָס באַלייכט די גאַנצע שטאָט במאור תורתו, הוראתו וצדקתו • אשרי עין ראתה כל אלה!**

בלומינגראָוו, קרית יואל. – אַ גאָר פראַכטפולע מאורע נשגבה האָבן תושבי העיר בלומינגראָוו זוכה געווען מיטצולעבן דעם פארלאפענעם מוצש"ק פ' יתרו, ווען מ'האָט בשיר ובקול תודה זיך מיטגעפרייט בשמחתו הגדולה עוטה אורה בביתו נאוה קודש פון האי גאון וצדיק חסידא ופרישא נהורא נפישא כ"ק אדמו"ר מצאנז-זמיגראד שליט"א, על ישראל תפארתו והדרתו בעיר בלומינגראוו שליט"א, ביים מעמד "שבע ברכות רבתי" וואו ס'האט זיך אָפּגעשפיגלט באַשיינפערליך דער "בעלוץ צדיקים תעלוז קרי"".

וחסידים ברינה יגילו! די נאָבעלע און ערהאַבענע שבע ברכות המפוארה איז אפגעראכטן געוואָרן נאָכפאָלגנדיג די געהויבענע שמחת החתונה פון הכלה המהוללה בתש"ק, אַן אייניקל פון רבי'ן שליט"א, בת לחתנו הגה"צ אבד"ק טעטש שליט"א, און אַצינד במוצאי יום גילה איז געקומען די געלעגנהייט פאַר קהל תלמידיו וחסידיו ותושבי בלומינגראָוו צו קענען מיטלעבן די שמחה, מיטהאַלטן דעם "גיל יגיל צדיק" בעת שהשמחה במעונו באנפין נהירין, און זיך אָנשעפּן מיט הויפנס השפעות טובות בצלא דמהימנותא.

ובכן מה נהדר הי' המראה! ווי שיין און ווי הערליך איז ווירקליך געווען דאָס בילד, ווען בבית מדרשו פון רבי'ן שליט"א זענען זיך צונויפגעקומען המוני תושבי העיר, בראשות הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, און במשך לאַנגע שעה'ן פאַרברענגט אינאיינעם באהבה ואחוה שלום ורעות, אַרויסברענגענדיג מחד גיסא די טיפע רגשי הערצה פון אַלע תושבים צום רבי'ן שליט"א וואָס באַשיינט און באַלייכט די שטאָט באור תורתו וצדקתו, און מאידך גיסא די שיינקייט און "אחדות" אין דער שטאָט, אָפּשפּיגלענדיג טאַקע גענוי די קריאה מעורר הזמן "ביום הזה באו – כאיש אחד ובלב אחד".




## אַ שמחה ביים זמיגראַדער רבי'ן שליט"א – אַ שמחה פאַר די גאַנצע שטאָט!

חיבה יתירה נודעת צו דער שטאָט בלומינגראָוו, אַז עלי' הניח את ראשו האי גאון וצדיק נשגב, חסידא ופרישא, נהורא נפישא, הוד כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, און דער רבי שליט"א האָט דאָרט קובע געווען משכן וחצר קדשו. דאָס האָט בלי ספק אויפגעהויבן דעם גאַנצן געגענט און צוגעגעבן אַן אומגעהויערן שטופּ צו דער געבענטשטער וואוקס פון דער שטאָט און בכלל צו דער הערליכער רוחניות'דיגער אויפוואַכונג און תורה'דיגער השפעה לשם ולתפארת.

גדול מרבן שמו, דער צאנז-זמיגראדער רבי שליט"א איז נערץ ונקדש כערכו הנשגב והרם בקרב בית ישראל, ובפרט בתוככי שלומי אמוני ישראל, תלמידי וחסידי סאטמאר, נאך וואָס דער רבי שליט"א איז דער תלמיד נאמן פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, סינ"י לו נקרא ארי שבחבורה, נאָך טאַקע בימי קדם אין די הייליגע ישיבה של רבי אין ירושלים עיה"ק, ומאז שחר טל ילדותו איז דער רבי שליט"א דבוק ואדוק אין הייליגן רבי'ן זי"ע און מקושר בכל נימי נפשו צו זיינע הייליגע ספרים, ולשמו ולזכרו תאוות נפשו כל הימים.

דערפאַר איז זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה והדרה! מיט זיין געוואלדיגן כח התורה, פרישות וצדקות, און מיט דער געהויבענער עבודת ה' משכמו ולמעלה גבוה, טוט דער רבי שליט"א פאַרשיינען און באַלייכטן די שטאָט. זיך קאָכנדיג שטענדיג באש להבה בדרכו ובספריו הק' פון רבי'ן זי"ע, מיט דער ריינער און לויטערער דת תורה הברורה, איז דער רב שליט"א אימער "דולה ומשקה" מתורת רבו, רביה"ק זי"ע, זייענדיג דערמיט אַ ריכטיגער מעוז ומגדל ליראי ה' וחושבי שמו.

תושבי בלומינגראָוו שפּירן א זכי' צו קענען ויילן במחיצתו און זענען נהנה פון דעם בית מקדש מעט וואָס דער רבי שליט"א האט אויפגעשטעלט דינענדיג אַלס תל תלפיות פאר אלע איינוואוינער, און איז אויך אַ צענטער-פונקט ותל תלפיות בכלל פאר תושבי קרית יואל והגלילות, וועלכע קומען מיטהאַלטן די תפלות, מלוה מלכה'ס בחצר קדשו, לשמוע לקח וליהנות עצה ותושי' פון רבי'ן שליט"א על כל צעד ושעל ולקבל ברכותיו היוצאים

מקרב לב טהור.

בכל עת ועידן איז חצר הקודש זמיגראַד א תל תלפיות, וואו הונדערטער אידן מיט'ן רבי'ן שליט"א בראש קומען זיך צוניף ביי די געהויבענע תפלות. אידן שטראָמען פון נאָענט און ווייט מיטצוהאַלטן די "קריאת התורה" מיט אַזאַ התעוררות דקדושה דורכ'ן רבי'ן שליט"א, בפרט אין די ימים טובים. שווער צו שילדערן ווי ס'קוקט אויס אַן א' סליחות, אַ יו"ט סוכות זמן שמחתינו בצל הקודש, די ליכטיגע יומין דחנוכה, די ווארעמע טישן, דאָס באַלייכט דאָך די הערצער און איז מרומם הלבבות.

ביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א איז אַן אבן שואבת און שטענדיג פּתוח לרוחה, זייענדיג באקאנט אלס אן אדרעס פאר צעבראכענע הערצער, ווי דער רבי שליט"א הערט אויס אידישע קינדער ומחבש לעצבותם בעצה ותושי' וברכותיו הטהורות מעומק לבבו. באַזונדער זענען משכימים לפתחו פון רבי'ן שליט"א גדולים וטובים, רבני ועסקני העיר, דורכצושמועסן מיט'ן רבי'ן שליט"א מילי דמתא, ועינו ולבו שם כל הימים, להורות את המעשה אשר יעשון, מיט אַ קלאָרקייט און לויטערקייט בדת תורה הברורה.

## ותושבי בלומינגראוו ברינה יגילו!

אָט דאָס אַלעס איז אצינד געקומען צום אויסדרוק בהגיע העת רקוד במעון קדשו, און תושבי בלומינגראָוו האָבן געשפּירט די שמחה אלס פּערזענליכע שמחה, ותעלות קרי'! שוין אָנגעהויבן ביי דער שמחת החתונה האָט זיך אָנגעזען אַ שיינער ציבור תושבי העיר וועלכע זענען אַריינגעפאָרן זיך צו באַטייליגן ביי דער שמחה הגדולה. ס'איז געווען קענטיג ווי דער רבי שליט"א האָט זיי אויפגענומען ברגשי אהבה והערצה, זיך אויסדריקנדיג בלשון חיבה 'מיינע בלומינגראווער אידן' און זיי געוואונטשן ברכות טהורות במלוא חפניים.

צום קלימאַקס איז דאָס געקומען במוצאי מנוחה, ביים גרויסן מעמד שבע ברכות וואס איז אפּגעהאלטן געווארן בחצר קדשו פון רבי'ן שליט"א בבית מדרשו. דאָס ביהמ"ד, וואס איז געווענליך א ווירבלדיגער תל תלפיות לתורה ולתפלה, האט אצינד פושט ולובש צורה געווען, ופנים חדשות באו לכאן ווי אַ פּראכטפולער זאַל, צוגעשטעלט פון איין ברעג ביז'ן אַנדערן מיט הונדערטער זיץ-פּלעצער צו אקאמאדירן כל העם הנאספים.





דער געטרייער און דינאַמישער משמש, רב הפּעלים ר' לייב הערשקאוויטש הי"ו, וואס ברם יזכר לטובה ולברכה, אַז מיט זיינע טאלאנטפולע כשרונות און שעפערישע ענערגיע איז ער דער רוח החיים פונעם גאַנצן ביהמ"ד. מיט זיין גוט ווארט און געטריישאפט, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם, מאַכט ער זיכער יעדן אויפצונעמען בסבר פנים יפות, אַוועקשטעלנדיג דעם אחדות'דיגן כאַראַקטער פונעם בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה וחסידות.

שוין אויף די שטראָזן אינדרויסן האָט זיך אָנגעזען די "שמחת בית בלומינגראָוו", ווען די פּאָליציי און חברים אויף די קאארדינירונג פון די בארימטע יו.זשעי.סי. וואס פארפיגט אויף די צרכי ציבור בלומינגראוו האָבן אַראָפּגעשטעלט באַלייכטונגען צו ליכטיג מאַכן דעם אַרום לטובת די זיכערהייט פון אַזאַ ריזיגן ציבור בליעה"ר. עקסטער האָט מען רעזערווירט עטליכע פּאַרקינג-לאַטס פאַר די פילע אידן וואָס זענען געקומען צו פאָרן, בעת אַ "באָס שאָטעל" האָט געברענגט דעם ציבור זקנים עם נערים פון די אַרומיגע גאַסן.

אַריינקומענדיג אינעווייניג אינעם ביהמ"ד האָט זיך אַנטפּלעקט דער "בהיכלו כולו אומר כבוד", ווי אַלע טישן זענען געווען הערליך געדעקט, שיין צוגעגרייט צו דער שמחה. ווי ס'איז דער חותם פון יעדן היניזיכט בקרב חצר הקודש האָט דאָ אַלעס 'געקלאפּט' מיט דער גרעסטער מאָס אָרדענונג און 'כבוד הציבור'. אַ רחבות'דיגע סעודה איז סערווירט געוואָרן, און די מנגנים אין באגלייטונג פון צלצלי תרועה בתופים ובמחולות האָבן מהנה געווען בזמירות שירות ותשבחות.

אין אַ בחינה פון "לעטר פּתורא ברזא יקירא" איז ערשינען לכבוד דער שמחה א נאָבעלע מחברת, קונטרס חידושי סיני, מיט אמרות טהורות פּנינים יקרים ומרגליות טובות אמרין קדישין וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען במשך די לעצטערע זמנים, הערליך שיין באארבעט באותיות מאירות עינים, וואס איז ביי אלעמען אויפגענומען געוואָרן בתשואות חן ובהדרת קודש.

עס דאַרף ווידעראמאל דערמאַנט ווערן לשבח דער משמש הקהלה, הר"ר לייבל הי"ו, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן דערמיט און עס באַגלייט עד שיצא כליל בהדרה לשביעת רצון כל הקהל הקודש, וועלכע האָבן מקיים געווען דעם "קחו ברכה אל תוך בתיכם".

## האיר פּני המזר"ח – דער פּראַכטפולער אויבנאָן

בלויז צו כאפּן אַ בליק אויפ'ן מלכות'דיגן אויבנאָן, דער 'בימת הכבוד', האט שוין ארויסגערופן אַ יראת הכבוד ביי אלע משתתפים, זייענדיג באַשיינט מיט אַלע רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א פון בלומינגראוו, וועלכע זענען געקומען לכבודו הרמה פון זמיגראַדער רבי'ן שליט"א, וואָס אור תורתו וצדקתו באַשיינט און באַלייכט די גאַנצע שטאָט וכל תושבי' וואָס זענען חוסים בצלו הגדול און שפּירן פאַר אַ זכי' אַז האי מאור הגדול איז שוכן כבוד בתוכינו.

צווישן אַנדערע רבנים הגאונים שליט"א וקרובי המשפּחות הכבודות מימינו ומשמאלו פון רבי'ן שליט"א, האָבן זיך אָנגעזען די רבנים הגאונים: הגה"צ אב"ד ראדאוויץ שליט"א; הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א, חדב"נ כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א וראש

הכולל תורה ויראה סניף קליימער; הגה"צ רבי יואל הלברשטאם שליט"א, אב"ד קיט"ל ד'סאטמאר רינאָוק; הגה"צ אב"ד קרעמניץ שליט"א; הרה"צ האדמו"ר מקאזניץ שליט"א; הרה"צ האדמו"ר מזאבליטוב שליט"א; הרה"ג אב"ד קאריץ שליט"א; הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א, מו"ץ התאחדות הרבנים; הרה"צ האדמו"ר מבאניע שליט"א; באזונדער האט זיך אנגעזעהן דאס באטייליגונג פון הרה"ג ר' יחזקאל גרינפעלד שליט"א ראה"כ היכל הוראה דברי חיים צאנז זמיגראד וואס שטייט לימין קדשו פון רבי'ן שליט"א און במיוחד פאר'ן ביהמ"ד און פירט אן מיט דעם כולל צווישן די ווענט פונעם ביהמ"ד אין די זומער וואכן, און נאָך חשוב'ע רבנים ומרביצי תורה שליט"א.

עס איז געווען שיין צוצוקוקן און דעם בשעה שהצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם, זיך מיטפרייענדיג מיט'ן רבי'ן שליט"א בהאי עידנא דחוודתא, און מיטהאַלטנדיג דעם תלמידי חכמים מכבדין זה את זה ומרבים שלום בעולם, מיט אזא קעגנזייטיגער כבוד חכמים, ווי דער רבי שליט"א נעמט אויף יעדן בכבוד ובהדר, מיט אַזאַ וואַרעמקייט, וראו פניו מאירים, ולעומתו ברוך יאמרו הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א מיט באַשיינפערליכע אותות אהבה והערצה.





## אגרא דבי הילולא מילי — די הערליכע דרשות לרגל המאורע

ווען דער ציבור איז שוין געווען פאַרזאַמלט, זיך וואַשנדיג צו דער סעודת מלוה מלכה און אָנפילנדיג דעם ביהמ"ד הגדול מלאים מזן אל זן, האָט בנעימת הלשון געעפנט די מסיבה הרב ר' יוסף לעווי שליט"א, וואס האט איינגעלייטעט דעם מעמד מיט טרעפליכע געדאנקען ושפתיו ברור מללו.

אַ פייערדיגער געזאַנג "קול רנה וישועה באהלי צדיקים" האָט אויסגעבראָכן אין ביהמ"ד, בעת דער גרויסער בעל שמחה כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א איז ערשינען לפאר על ראש שמחתו, ווען דער ציבור פאַרגייט זיך אין אַ געהויבענעם מחול לצדיקים.

דאַן האָט מען געהערט אַ שיינע דרשה לרגל המאורע פון הגה"צ רבי יואל הלברשטאם שליט"א אב"ד קיט"ל ד'סאטמאר רינאָוק, וועלכער האָט זייענדיג אַ דורש טוב לעמו הערליך שיין משלב געווען די שמחה לפרשת השבוע, ובשפתי חן אַרויסגעהויבן אַז ביי אָט די שמחת שבע ברכות קומט צום אויסדרוק די הערצה פון תושבי העיר און די הכרת הטוב אויף דעם לעכטיגן אור וואס פאַרשיינט די גאַנצע שטאָט, און דער רב שליט"א האָט פאַרענדיגט מיט שיינע סיפורי צדיקים לכבוד מוצאי שבת.

דערנאָך האָט אַ חרדת קודש באַהערשט דעם היכל הגדול, ווען דער רבי שליט"א האָט אָנגעהויבן משמיע זיין דברי תורה און קורצע דברי ברכה, און געוואונטשן האַרציגע ברכות פאַר כל העם הנאספים, אַלע משתתפים זאָלן זוכה זיין צו כל משאלות לבבם לטובה.

נאָך וואָס די משוררים האָבן פאַרגעזונגען די זמירות למוצאי שבת קודש, האָט מען געהערט אַ וואַרעמע דרשה פון חתנא דבי נשיאה, דער מחותן הגה"צ אב"ד טעטש שליט"א, וועלכער קומט פיל ארויס אינאיינעם מיט'ן געהויבענעם שווער צו ווילן דאָהי בצלו ולעמוד לימין קדשו.

ער האָט בתוך דבריו אויסגערופן מיט התרגשות דעם "אשריך בלומינגראוו", אַז די שטאָט האט די זכי' אז דער רבי שליט"א געפינט זיך דאָ אין שטאָט, און מיט זיין מורא'דיגן כח התורה כל היום וכל הלילה ברענגט ער געוויס אַראָפּ אַ שמירה עליונה פאר די שטאָט, תורה מגינא ומצלי.

א דערהויבענער געפיל האָט אַרומגענומען דעם ציבור ווען דער רבי שליט"א האָט אָנגעהויבן דערציילן "סיפורי צדיקים", כמנהגו מדי שבוע בשבוע, וואָס אידן קומען צו פאָרן יעדן מוצש"ק זיך מתענג צו זיין מיט די אמרין טבין, די הערליכע סיפורים וואָס דער רבי שליט"א פאַרציילט מיט אזא נעימות דקדושה און דביקות אין די צדיקים הקודמים וואָס טוט איבערלאָזן אַ רישומא קדישא אויף די גאַנצע וואָך.

צום שלוס האָט מען געהערט מילי דבדיחותא פונעם משמח אלקים ואנשים הר"ר הערשל פריעדמאן הי"ו, וועלכער האָט אַרויפגעברענגט אַ שמייכל אויף אַלע נאספים מיט זיינע טרעפליכע ווערטלעך, לכבוד שמחת חתן וכלה, פון וואָס דער ציבור האָט אַ שטאַרקע הנאה געהאַט.

## לכבוד העם הנאספים — אשרי עין ראתה כל אלה!

נאָך ברכת המזון ואמירת שבע ברכות האָט זיך פאָרמירט אַ לאנגע ליניע פון תושבי העיר, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין דער רייע צו באַקומען "כוס של ברכה" פון רבי'ן שליט"א מכוס יין מלא כברכת ה', און דאַן איז דער רבי שליט"א אַראָפּגעקומען ממקום כבודו אויפ'ן אויבנאַן צו טאַנצן אינאיינעם מיט'ן ציבור אין היכל הביהמ"ד, וואו די עסקנים האָבן אינצווישן בליץ-שנעל אָפּגעליידיגט דעם חלל, כדי צו קענען אָפּרעכטן די ריקודים.

וחסידי"ם ואנשי מעשה הי' מרקדין! ווי שיין איז געווען די מחזה נהדרה, הדרא דלא אפשר למפרט בשפוותא, ווי דער רבי שליט"א טאַנצט אינאיינעם מיט כל קהלא קדישא הדין, מיט אזא התרוממות הנפש. איבערהויפּט זענען די ריקודין געקומען צום קלימאַקס ווען דער רבי שליט"א איז אריין אינדערמיט טאַנצן אויפ'ן אויסגעווייקטן ניגון "אחד יחיד ומיוחד", ווען דער גאַנצער ציבור פאַלט אַריין אין אַן עקסטאַז, מ'הייבט זיך אַ טפח העכער די ערד מיט אַ התרוממות הנפש, וינועו אמות האסיפים!

די זייגער האָט שוין געקלאַפּט אויף נאָך 2:00 ליל מוצאי שבת קודש, ווען דער ציבור האָט זיך געשיידט פון דעם מעמד הוד, אָנגעהויפּנט מיט התרגשות, אָנגעלאָדענט מיט התרוממות, און מיט חיזוק והתחזקות, מיטלעבנדיג אזא שיינע שמחה, ווען אויף אַלעמענס ליפּצן שעפּשעט זיך אַ ברכה אז עוד רבות בשנים דשנים ורעננים זאל מען זוכה זיין צו קענען חוסה זיין בצלו פון רבי'ן שליט"א, און מ'זאל ווייטער קענען נהנה זיין מאור תורתו, הוראתו וצדקתו, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, ביז מ'וועט שוין זוכה זיין צו דער שמחה פון כלל ישראל, בביגוא"צ בב"א.

**והעיר בלומינגראָוו צהלה ושמחה!**



# דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פארטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון
וכביר המעש, ידיד נפש כל חי

## הרה"ח ר' חיים גליק הי"ו

אקטיווער באורד מעמבער
אינערהאלב "יו.דזשעי. סי."

און רעדאקטאר מיטגליד פון
דער 'בלומינגראוו שטימע'

**שלום וברכה, הרה"ח ר' חיים הי"ו.**

**זייענדיג א דמות פון א ריכטיגער 'עוסק בצרכי ציבור באמונה' מיט אזויפיל געטריישאפט און געפיל פאר'ן עתיד פון אונזער געגנט, לאמיר הערן אייערע איינדרוקן מהנעשה והנשמע, דעטאלן און פרטים, איבער די הייליגע מיסיע און די ווייטגרייכענדע פעולות פון דער "יו. דזשעי. סי." קאמיטע, למענינו ולמען שכונתינו.**

**צוערשט, אויב ס'איז שייך צו שילדערן אייער פערזענליכע זייט, וויאזוי און ווען איר זענט אנגעקומען און זיך באזעצט אלס איינוואוינער אין דער עיר ואם בישראל בלומינגראוו, און וואס איז אייער וויזיע פאר דער עתיד פון אונזער באליבטע געגנט ?**

ראשית כל, איז מיר ווירקליך א פריוועליגיע זיך צו פארשטעלן פאר די חשוב'ע ליינער, תושבי עירינו המעטירה, אלס אחד מן החבורה, וואס האט ב"ה די זכי' צו פארטרעטן דעם ציבור אינערהאלב דעם 'באורד' פון חשוב'ע תושבי העיר כולם אהובים כולם ברורים, פאר'ן זעלבן תכלית און ציל, צו העלפן אידישע קינדער און באגלייטן די וואוילזיין פון אונזער שטאט.

רעדנדיג איבער אונזער געגנט בלומינגראוו, וואלט געווען אינטערסאנט צו נאטירן אז ווי באקאנט האט די געגנט געהאט עטליכע טייערע 'נחשונים', וועלכע האבן זיך דא ארייינגעצויגן ווען ס'איז נאך געווען אן אומבאקאנטע פלאץ און בלויז אדאנק זייער קוראזש האט זיך דאס ב"ה אנטוויקלט פאר אזא שיין מקום.

איז אבער פארט מערקווערדיג צו דערמאנען א זאך וואס ווייניג ווייסן, אז נאך מיט בערך **13-14 יאר צוריק, אומגעפער תשס"ו - תשס"ז, בין איך שוין געווען דא אין 'בלומינגראוו' זיך אומקוקן איבער קויפן א הויז אין געגנט...** דוכט זיך אז אין יענע יארן איז נאך קיינער פון די יעצטיגע תושבים נישט גע'חלומ'ט פון דעם געגנט, אבער מה' מצעדי גבר, פון הימל האט מען מיך שוין דעמאלט אהערגעשלעפט...

געווען איז עס דעמאלט א חשוב'ער און באקאנטער איד פון וויליאמסבורג, הרה"ח רודצו"ח רבי אברהם יודא לעבאוויטש הי"ו, אייגנטומער פון די אומפארגעסליכע 'וויליאמסבורג טראלי' און דערנאך דער 'דבר יום ביומו', וועלכער געווען פון די סאמע ערשטע אידן וועלכע האבן אנגעהויבן רודערן אז עפעס דארף געטון ווערן איבער דעם מצב פון דירות אין וויליאמסבורג, און ער האט זיך טאקע ארייינגעלייגט מיט'ן גאנצן לייב און לעבן שלא על מנת לקבל פרס צו ברענגען הצעות וויאזוי מען קען זיך אויסברייטערן אין נייע ישובים.

ער האט זיך דעמאלט ארייינגעלייגט צו שאפן היימישע אידן וועלכע זאלן אפקויפן יעדער איינער אפאר הייזער און דערנאך זאל מען דאס פארקויפן פאר היימישע אינגעלייט פאר 'קאסט פרייז', אזוי ארום זאל דא קענען ווערן א אידישע ישוב. און ס'איז טאקע געווען וועלכע האבן דעמאלט למעשה אפגעקויפט הייזער מיט דער האפענונג אז מען וועט דאס שנעל אויספארקויפן און זיך קומען באזעצן דא.

ווי כ'געדענק האט מען דעמאלט געמאכט אן 'אפן האוז' פאר דער געגנט אין איין באשטימטע זונטאג, און איך בין טאקע ארויסגעקומען זיך אומקוקן מיט נאך עטליכע משפחות, ווארשיינליך האב איך שוין דעמאלט געשפירט אז דאס פלאץ איז א מקום מוכשר פאר א רואיגע מקום דירה. אינטערסאנט אז כ'האב דעמאלט זיך אומגעקוקט אפילו אויף די זעלבע גאסן ווי איך וואוין ב"ה היינט צוטאגס, און מען ארויסגעקוקט אז די זאך זאל צושטאנד קומען און דער געגנט זאל באוואוינט ווערן.

למעשה האט זיך דער פלאן אנגעשטויסן מיט פארשידענע טעכנישע שוועריגקייטן, איבערהויפט האט אביסל שפעטער פאסירט די פינאנציעלע 'קראך' וואס האט געברענגט אז מען האט נישט געקענט געהעריג באקומען קיין מארגעדזשעס צו 'קלאזן', און מענטשן האבן געלאזט פאלן זייערע פראפערטיס, אזוי ארום אז דער פלאן איז אראפ פון טיש.

בדרך אגב, ר' אברהם יודא'ס מעשים טובים האבן ב"ה א המשכה אויך אויף זיינע קינדער, ווען זיין זון, האברך ר' חיים לעבאוויטש הי"ו, דינט היינט צוטאגס אין דער 'פלענינג באורד' פון בלומינגבורג, אינאיינעם מיט די אנדערע אידישע ערוועלטע קאנדידאטן אינעם ווילעדזש, וואס טוען אויף גדולות ונצורות און האבן ב"ה אפגעשטעלט די גאנצע האסע און רדיפות קעגן אידן וואס מען האט דארט מיטגעלעבט ביז עס זענען ערוועלט געווארן אידישע קאנדידאטן.

אויך אין די שפעטערע יארן, האב איך אלץ געהאט דעם געפיל אז 'בלומינגראוו' איז א מקום וואס דער היימישער ציבור קען דערפון אסאך געניסן. יעדעס מאל וואס מען איז דורכגעפארן אויף דעם 17 דעם טאוול ווי עס טוישן זיך צום 'טאון אוו בלומינגראוו' האט איך אלץ געקלערט פון בלומינגגראוו, פארוואס זאל דאס נישט ווערן א אידישע שטאט "הלא מצער היא ותחי נפשי".

ב"ה אז יארן שפעטער, בשנת תשע"ה בין איך שוין געווען אין קאנטאקט מיט מענטשן וואס זענען פאקטישן ארויסקומען וואוינען דא למעשה, בשנת תשע"ו בין איך שוין דא געווען גאנץ זומער אפיציעל זיך אומקוקן אויף למעשה וואו זיך ארייינצוציען, (ויזכר לטוב האיש החסד והמעש ידידי היקר רודצו"ח בכל עת ר' שמעון ישראל פאזען הי"ו וועלכע האט דעמאלט טאקע געקויפט עטליכע הייזער, אינאיינעם מיט זיינע חשובע קינדער הי"ו), בשנת תשע"ז האב איך טאקע ב"ה געשלאסן קאנטראקט אויף א הויז טאקע דא אין בלומינגראוו, וואס איז שוין דעמאלט געווען באוואוינט מיט א שיינע צאל אידן, און אזוי האט מען זיך ארייינגעצויגן אין דעם געגנט עד היום הזה ברוב סייעתא דשמיא.

**ווען און ווילאנג צוריק האט איר אנגעהויבן עוסק זיין אין עסקנות אויפצוטוהן פארן ציבור?**

באמת א שווערע שאלה... אלס א שנה ראשונה יונגערמאן בשנת תשנ"ח געדענק איך מיך שוין עוסק זיין אין פארשידענע צדקה צוועקן הן פאר יחידים הן פאר בתי מדרשים און מוסדות התורה אין וויליאמסבורג עסקנות איז לכאורה א זאך וואס ליגט אין נאטור אביסל... נאר ס'איז נישט דא דאס פלאץ דערפאר, לאמיר גיין צום תכלית, כ'וויל זיך בלויז קאנצעטרירן איבערן ענין פון אויפבויען אידישע יישובים פארן ציבור.

"מראשית כזאת הודעת" נאך מיט פיל יארן צוריק אין די סוף תש"ס יארן זייענדיג במשך דעם זומער אין דער דושינסקיא קאנטרי אין מאנטיסעלא, בין איך דעמאלט אסאך ארומגעפארן זיך אומקוקן אין דעם גאנצן דערנעבנדיגן געגנט און שטילע געסלעך דארט אינעם "ווילעדזש אוו מאנטיסעלא" און ס'האט זיך אנגעהויבן וועבן אזא שטיקל חלום וואס איז ב"ה צושטאנד געקומען נאך פיל פלאג און מיה אינאיינעם דורך ידידי היקרים הר"ר יואל שטערנבערגער הי"ו און הר"ר חיים יואל כהן הי"ו ווי פאלגענד: אז מ'דארף אריינטאנצן אין דעם געיגנט אפצוקויפן וואס מער ביליגע הייזער און אויפבויען א שטיקל יישוב פאר אחב"י, די מעלות איז געווען אז די פרייזן זענען געווען זייער זייער ביליג, ממש זעכציג-זיבעציג ביז הונדערט טויזנט דאלער, ביליגע טעקסעס, ממש וואלקינג דיסטענס צו פיל לאקאלע און גרויסע געשעפטן, ממילא וועט דאס זיין זייער נוצבאר, קודם פאר די זומער וואכן צו קומען דארט פארברענגען אנשטאט זיצן אין אלטע כאדקעס אין קאנטרי, ווי אויך פארן יו"ט סוכות ווען אין וויליאמסבורג איז זייער שווער מיט א סוכה, אדער סתם אזוי ארויספארן אויף שבתים דא און דארט, און האפנטליך זאל זיך דער געיגנט אויסארבייטן און דער ציבור אין וויליאמסבורג וואס האט זיך געפערליך געמיטשעט מיטן דירות מאנגל זאל האבן א נייעם פלאץ ווי אהין מ'קען ארויסקומען און מיט דער צייט זיך פולקאם באזעצן.

און ווירקליך איז געווען חפץ ה' בידינו הצליח בשנת תשע"ב-תשע"ג האב איך אפגעקויפט ממש פון די ערשטע הייזער, און דערנאך מיטגעברענגט נאך אפאר גוטע פריינד, זייענדיג די נחשונים פונעם היינטיגן באוואוסטן אידישן גאנץ יעריגע יישוב אין מאנטיסעלא ווי קרוב צו הונדערט אידישע משפחות וואוינען דארט כהיום הזה מיט 2 הערליכע שפרודלדיגע בתי מדרשים עד היום הזה, וברם יזכר לטוב העסקן הנמרץ הרבני הנגיד רודצו"ח מו"ה משה גרינהוט הי"ו ובנו החביב איש החסד מו"ה ארי' הי"ו וועלכער האבן אסאך צו געהאלפן נאכדעם בגוף ובמעש, ובעצה ועזרה ותושי' צום אפיציעלע גרינדונג פונעם דארטיגן ביהמ"ד און מקוה אויף נעלשאר רד. וואס שפרודלט טאקע אלס א ליכטיגער צענטער פאר תורה ותפילה טאג און נאכט במשך כל ימות השנה, ווינטער און זומער כהיום הזה.

בעצם איז דאס א לענגערע שמועס פאר זיך צו פארציילן דעם כל התחלות קשות וויאזוי מאנטיסעלא האט זיך למעשה אנטוויקלט, און ס'איז בכלל נישט דא דער פלאץ דערפאר, אבער איין זאך וואס איז נוגע פאר אונז תושבי בלומינגגראוו

ס'איז א קלארע פאקט, אז אויב וואלטן די אידן נישט געגאנגען שטימען, וואלטן די פאליטישאנס קיינמאל נישט פארהאנדלט מיט אונז, ווייל דאס איז דער איינציגסטער כוח וואס יעדער נארמאלער פאליטישאן פארשטייט, און דעיס איז באמת דער גרעסטע "קידוש השם" ווען די גוים זעהן אז די אידן זענען פאראייניגט באחדות ווי איין כוח,

אז "כמעשהם של הווילעדזש כאן כך מעשיהם שם", כאטש וואס מאנטיסעלא איז א באוואוסטער אידישער שפרודלדיגע צענטער פאר די זומער קאנטריס שוין זינט אידן זענען אין אמעריקא, עכ"ז ווי נאר די באהערדע האבן דערשמעקט אז אידן רוקן זיך אריין צום וואוינען פאר א גאנץ יאר האט זיי עס פשוט געשטערט, און ס'האט זיך אנגעהויבן פארשידענע גזירות און רדיפות אנטקעגן די אידישע איינוואוינער, איבערהויפט קעגן אונזערע בתי מדרשים וואס מ'האט מיר פרובירט אהערצושטעלן. אויב דער געוועזענער בילדונג אינספעקטאר איז נישט געווען געגוג שטרענג און הארטנעקיג האט מען אים ביז א יאר ריפלעיסט מיט א צווייטן - גאר שווערער - חברה-מאן וועלכער איז אנגעקומען מיטן בלויזן ציל צו סטאפן און שטערן און אונטערגראבן די אידישע שכונה היל"ת, און מ'האט זיך טאקע פיל אנגעליטן (כ'געדענק ער איז אמאל אנגעקומען דירעקט אום סאמע תשעה באב צו טיילן סומענסעס), ביז מ'האט זיך צוזאמגענומען "להקהל ולעמוד על נפשם" און דורכן פאראייניגטן כוח האחדות האט הרה"ח ר' משה גרינהוט הי"ו געגרונדעט א אידישע קאנסיל באורד אין סאליוועו קאונטי, און בלויז דורכדעם האט מען באוויזן זיי איינצושטילן און ברענגען צו קאאפערירן און עווענטועל איינטוישן די באאמטע לטובת אחינו בני ישראל.

אין סך הכל זעט מען איבעראל די זעלבע זאך, מ'האט די זעלבע מיטגעהאלטן פון דער נאנט דאס התיישבות פון בלומינגבורג וואס איז געווען א שטילע דערפל פון בלויז עטליכע הונדערט גוים, אבער האבן ממש נישט אויסגעהאלטן אז די אידן ציען זיך אריין דארטן, יעדער ווייסט וויפיל מ'האט זיך דארט פיל אנגעליטן פון די באהערדע, און אזוי איז עס איבעראל, יעדע לאקאל פלאץ ליידט בערך די זעלבע גזירות כאטש מיט אנדערע מעטאדן, אבער הצד השוה שבהן געשעהט איבעראל דער "הבערה ללהב יצאה" וואס איז על הכלל כולו יצאה.

די פאקט איז אז מ'זעמיר אין א ביטערן גלות און מ'מאכט מיט פון די העצערישע גוים כסדר, און דאס איז דער רצון ה' און מ'דארף עס מקבל זיין באהבה, אבער דאך מעג דאך א מענטש משתדל זיין און טוהן אין איינקלאנג לויטן געזעץ אינעם לאנד ווי ער וואוינט, און די איינציגסטע וועג דאס איבערגעקומען איז דער פאקט אז מיר וואוינען ב"ה אין א מלכות של חסד במדינת אמעריקא, וואס דאס געזעץ שרייבט פאר און פאדערט אויף יעדן בירגער ארויסצוקומען שטימען אין די וואלן, און נוצן זיינע רעכטן צו ערוועלן די באאמטע וואס זאלן פארטרעטן די איינוואוינער אין אלע ערליי אנגעלעגנהייטן, און דאס איז אונזער איינציגסטע רעכטן מ'זאל אונז נישט מער ענג מאכן.

אין משך פון די לעצטע 75 יאר זייט אידן זענען אינעם גלות אמעריקא האבן די עסקני הציבור אלעמאל כסדר אויפגעפאדערט דעם עולם ארויסצוגיין שטימען, די רבנים האבן דאס באגלייט און זיכער געמאכט אז די קאנדידאטן זאלן טאקע זיין סימפאטיש פארן ציבור, און דאס איז געווען דער אנגענומענער מהלך צו פועל'ן ביי זיי, ווייל דער פאקט אז די באהערדע זאל זיך וועלן רעכענען מיט אונז און נאכגעבן אונזערע פארלאנגען, איז קיינמאל נישט געווען צוליב ווייל דער גוי טוט עפעס אנערקענען אין אונזער לעבנס שטייגער און זיי ווילן זיך עטוואס צושטעלן צו אונז, בכלל נישט, דער גוי דערהייבט נישט דעם איד, און די "הלכה בידוע" גייט אן ווי אימער, נאר זיי קוקן אויף איין זאך, וואס דאס איז די סך הכל נומבערס וויפיל "שטימען" זיי קענען ארויסבאקומען פון די אידן, און לויט דעם דערלויוורן זיי.

ס'איז א קלארע פאקט, אז אויב וואלטן די אידן נישט געגאנגען שטימען, וואלטן די פאליטישאנס קיינמאל נישט פארהאנדלט מיט אונז, ווייל דאס איז דער איינציגסטער כוח וואס יעדער נארמאלער פאליטישאן פארשטייט, און דעיס איז באמת דער גרעסטע "קידוש השם" ווען די גוים זעהן אז די אידן זענען פאראייניגט באחדות ווי איין כוח, און מ'קען זיי נישט צוברעכן, זיי לאזן זיך נישט צוטיילט ווערן, ווי אסתר המלכה האט געזאגט פאר מרדכי הצדיק "לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן" ווייל בלויז מיטן כוח האחדות קענען מיר בייקומען אלע שוועריגקייטן, און זיך נישט לאזן דערקייקלען דורך אנדערע אינטערעסן און מיינונג'ס פארשידנהייטן אז דאס זאל אונז חלילה צוטיילן, כאטש דער בעל דבר זוכט זיך איבעראל אריינקוקן און פרובירן אנצוזייען א שטיקל כאאס דא און דארט, אפשר וועט אים געלונגען צו שטערן דעם אחדות היל"ת.

יעצט צוריק דא צו בלומינגראוו, דא קוקט

אויס ביי די באהערדע אז ס'איז שוין געווען אין א אנדערע בחינה פון "השנאה מקלקלת את השורה", כאטשיג זיי קענען די נומבערס און ווייסן גוט אז מיר ציילן זיך שוין בליעה"ר פאר א גרויסער אידישער ציבור, פון עטליכע הונדערט תושבים און אפאר טויזנט נפשות אין צאל בליעה"ר, אין צוגאב צו רוב פראפערטיס און שטחים וואס באלאנגען צו אידן, מער ווי האלב פון די באוואוינטע הייזער זענען אין אידישע הענט, די "ליסטינג בראוקערס" שטעלן ארויס כסדדר פרישע צענדליגע הייזער צו פארדינגען און צו פארקויפן, במשך דעם ווינטער אליינס האבן פרישע צענדליגע אידן אפגעקויפט נאך הייזער, די אידישע אנוועזנהייט איז א קלארע רוב, האבן זיי געוואוסט אז איין כוח האבן זיי נאך וואס קען זיי אפשר העלפן, "וזה דרכם כסל למו" דאס איז בלויז אויב זיי קענען אונז צוצושפליטערן און צוצוטיילן ח"ו, און דאס טוהן זיי טאקע כסדר מאחורי הפרגוד, זיי פרובירן אנזייען מען זאל זיך נישט צוזאמענהאלטן און נישט גיין אויף איין אויסגעטרעטענעם מהלך, אבער ב"ה דער ציבור פון די קהילות רובו ככולו שטייען גאנץ און פאראייניגט, און האפנטליך וועט דער כוח האחדות זיין די שפיגעלע פון די שיינקייט דא אין אונזער שטאט, וואו יעדער ערליכער איד, אברכים בעה"ב און בני תורה זאלן דא טרעפן א רואיגע וואוין ארט פון ווי אנטקעגן צו גיין משיח צדקינו שיבוא בקרוב בימינו.

ס'איז כדאי נאכצוברענגען וואס כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א באטאנט כסדר, און האט מיר פערזענליך געזאגט און אנגעוואונטשן עטליכע מאל, אז ס'זאל זיין בע"ה חפץ ה' בידינו יצליח., ביי א געלעגנהייט האט ער מיר געפרעגט: **"פארוואס איז דא מענטשן וואס זוכן צו שטערן די באורד? מ'האט דאך עס געמאכט לטובת די גאנצע שכונה, איך האלט מיט די אלע פעולות פון די עסקנים, איך קען די עסקנים וואס טוהן פארן ציבור און איך וואונטש אייך אז מ'זאל ווייטער טוהן און מ'וועט אי"ה מצליח זיין".**

דורכשמוסנדיג די נושא צו מ'זאל אריינשטעלן א אידישן קאנדידאט ביי די קומענדיגע וואלן אדער א גויאישע קאנדידאט האט דער זמיגראדער רבי שליט"א מיר קלאר געענטפערט ובלשונו: **"אודאי נאר א איד, פארוואס עפעס זאל מען שטעלן א גוי, אז מ'האט דא ב"ה א גרויסן ציבור אידישע איינוואוינער און מ'קען אריינוועלן א איד פארוואס זאל מען ליידן פון א גוי, ס'וועט שוין נישט לאנג דויערן און מ'וועט האפנטליך בקרוב פטור ווערן פון די גוים דא אין וועלעדזש אי"ה, אז די גוים לאזן נישט אידן צובויען, דאס הייסט זיי לאזן נישט אידן לעבן, זיי זענען רשעים און מ'האט נישט וואס צו רעדן מיט זיי, דארף מען זיי ארויסוועלן, מ'זאל אריינוועלן א אידישן קאנדידאט, איינער וואס וועט העלפן די אידן קענען לעבן מיט הרחבת הדעת, יעדער איד דא אין בלומינגגראוו דארף זיך רעגיסטרירן צו שטימען, ס'איז א חוב אויפן יעדן איינציגסטן יחיד וואס וואוינט דא, ס'איז א חוב אויפן יחיד און ס'איז א חוב אויפן ציבור".** עכל"ק.

די הסבר איז זייער פשוט, היות אז די גוים פייניגן נאך אלס די אידן מיט גזירות און רדיפות, איז נישטא קיין ברירה נאר פשוט טוהן וואס דאס געזעץ אין לאנד זאגט פאר אירע בירגער, אז די איינוואוינער פון א יעדע געגנט האבן די פולסטע רעכטן ארויסצוגיין שטימען און אריינוועלן זייערע אייגענע מענטשן וואס זאלן זיי פארטרעטן, כדי צו פארזיכערן אז אלע איינוואוינער ווערן געזעצליך און יושר'דיג פארטרעטן לויט די אמעריקאנע קאנסטיטוציע וואס פארזיכערט "פרידאם אוף רעליגיע", און פארבאט די אלע שאנטאזשירונגען און טשעפערייען אונטערן שלייער פון קנאה און שנאה צו וואס מיר זענען טעגליכע עדות.

דער עצם פאקט אז די יעצטיגע באאמטע רעכענען זיך בכלל נישט מיט אונזערע שטימען, זיי האבן גארנישט געזוכט אנטקעגן צו קומען אדער צו פארהאנדלען איבער אונזערע געברויכן, נאר פארקערט מ'האט אונז בלויז געשטויסן און געהעצט קעגן אונז כאילו מיר האבן נישט גענוג טייער באצאלט פאר אונזערע הייזער, בו בעת וואס מיר זענען שווערע טעקס באצאלערס, און איעדע אידישע הויז גייט די טעקסעס ארויף (זעט באזונדערע ארטיקל אין דעם אויסגאבע) מ'רייסט ארויס אידיש געלט, און מ'נוצט דערנאך אונזער אייגענע געלטער זיך צו שלאגן אנטקעגן אונז, איז דער פשט, אז דער געוועגליכער מעטאד פון יושר'דיגע וואלן איז ביי זיי שוין מער נישט אקטועל, זיי לאכן פון אונז כאילו מיר זענען צושפליטערט און מיר קענען זיך נישט פאראייניגן, און מיט דעם כוח זוכן זיי אונז צו צומישן אז אפשר קענען זיי נאך בלייבן אויפן וואקלדיגן בענקל.

ס'איז ידוע אז מרן רביה"ק זי"ע פלעגט נישט אנווייזן געוועגליך וואו צו גיין וואוינען, ער פלעגט אנוואונטשן אבער נישט זאגן, ווייל "מה' מצעדי גבר כוננו" יעדער איד האט זיך זיין תכלית וואו ער דארף אויפטוהן, אבער ווען דער רבי זי"ע האט מייסד געווען דעם שטעטל קרית יואל האט ער יא פערזענליך געבעטן מיין זיידן הרה"ח המפורסם ר' לייבעלע גליק ז"ל אז ער זאל ארויסמופן פון דער שטאט, און זיך קומען באזעצן דא אינעם שטעטל קרית יואל וואס ער בויעט. אויך מיינע עלטערן הי"ו האבן זיך דעמאלט ארויסגעצויגן צום 'סעווען ספרינגס' געיגנט, ווען איך בין נאך געווען א קליין קינד, מיין טאטע פלעגט יעדע איינציגסטע וואך במשך דעם לעצטן יאר תשל"ט אריינוואקן צום גרויסן ביהמ"ד דאווענען מיט רבינו הק', און עד היום הזה דערמאנט ער כסדר יענע ליכטיגע צייטן מיט פיל בענקשאפט בהלו נרו על ראשנו.

ס'איז באקאנט אז דער רבי זי"ע דעמאלט געזאגט ביי עטליכע געלעגנהייטן, אז איבעראל ארום וועט אי"ה ווערן באזעצט מיט אידן, אלעס וועט זיין אידיש, כאטש די דעמאלטדיגע חברי הנהלה האבן געקלערט מתחילה אז ס'איז יא וויכטיג אז מ'זאל זיך נאכנישט אויסשפרייטן אין די ארומיגע געיגנטער, נאר וואוינען צוזאמען אינערהאלב סעקשאן איינס און צוויי, אבער דער ווייטער בליק פון רביה"ק זי"ע האט שוין דעמאלט פארגעזעהן דעם בליה און וואוקס פונעם כלל ישראל בס"ד, און האט געזאגט אויפן גאנצן ארומיגן געגענט "אלעס ארום וועט זיין אידיש, דא וועלן נאך וואוינען טויזנטער אידן כ"י". אגב ס'איז דא א באקאנט בילד פון רבי'ן בשנת תשל"ט ווען ער איז געקומען באזוכן דאס נייע געגרונדעטע ביהמ"ד פון הרה"צ רבי חיים רובין שליט"א אדמו"ר מראפשיץ וועלכער האט זיך דעמאלט אויך ארויסגעצויגן קיין 'סעווען-ספרינגס' וואס האט טאקע באקומען דעם נאמען 'ראפשיץ' עד היום הזה.

ממילא שפיר איך פאר זכי' אז מ'קען דא עוסק זיין אין עסקנות דא אין בלומינגגראוו, אין א צייט וואס קרית יואל גופא איז שוין שטארק געדעכט און איבערגעפילט בליעה"ר, און דער ברייטער כלל ישראל, די שווערע צענדליגע טויזנטער אידן פון ניו יארק רבתי, וועלכע מאכן חתונה די קינדער דארפן באמת האבן צוגעשטעלט מער געלעגנהייטן און נייע געגענטער וואס זאלן זיין אוועקגעשטעלט אלס א רואיגע ערליכע פלאץ ווי אהין זיך צו קענען ארויסציען בס"ד פארן די קומענדיגע דורות משיח זאל אודאי פריער קומען.

ס'איז באקאנט וואס דער זמיגראדער רבי שליט"א האט טאקע געזאגט ביי זיין ערשטע שלש סעודות תורה, ביים עפענען דעם בית המדרש החדש דא אין בלומינגגראוו, שב"ק מסעי תשע"ט, אז "דא אין בלומינגראוו הייסט אויך אין קרית יואל, ס'איז נתקדש מיט די זעלבע קדושה, ווייל מיר אלע זענען אהער געקומען על דעתו הקדושה מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה".

**(פאלגט נאך א באשרייבונג איבער די פארשידענע פעולות מייסד צו זיין א בית המדרש און א מקוה אין דער 'סען-ענטאניע דועלק' געגענט / איבער דאס השתלשלות הענינים פונעם התייסדות פון דער יו.דזשעי.סי. באורד / א בליק אינערהאלב די רעדאקציע פון די בלומינגראוו שטימע, ליינט קומענדיגע וואך אינעם ווייטערדיגן פארזעצונג).**

> **דער ווייטער בליק פון רביה"ק זי"ע האט שוין דעמאלט פארגעזעהן דעם בליה און וואוקס פונעם כלל ישראל בס"ד, און האט געזאגט אויפן גאנצן ארומיגן געגענט "אלעס ארום וועט זיין אידיש, דא וועלן נאך וואוינען טויזנטער אידן כ"י".**

# אונזער ווידיע

פּאַר אַ בעסערן עתיד אין אונזער שטאָט בלומינגראָוו

## די פּאָזיטיווע אַגענדע פון פאַראייניגטע בלומינגראָווער איינוואוינער

אויף וואָס מיר קוקן אַרויס צו אַרבעטן מיט אַ נייע סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע

# פּראָפּערטי טעקס...



**א ניכטערן בליק ארום די העכערונגען פון פּראָפּערטי טעקס פאר פילצאליגע הייזער אייגנטומער; אויף וואס איז באזירט די טעקס אפשאצונגען, און וויאזוי וועט מען בעז"ה אראפברענגען אומ'יושר'דיגע שטייערן מיט'ן פאראייניגטן כח הרבים אין דער נאנטער צוקונפט**

## צוערשט א קורצן איבערזיכט אויף דעם 'פּראָפּערטי טעקס' סיסטעם:

ווי יעדער אייגנטומער פון א הויז ווייסט, איז פארהאן דריי סארט 'טעקס' באשטייערונגען וואס יעדער היים אייגנטומער דארף צאלן יאר יערליך. די 'טעקס' פאר'ן סקול - צו אויפהאלטן די היזיגע פובליק סקול; די 'טעקס' פאר'ן טאון; און 'טעקס' פאר דער ווילעדזש, ווען די גרעסטע פראצענט פון טעקס גייט פאר'ן סקול, דערנאך פאר'ן טאון און די קלענסטע פראצענט איז פאר'ן ווילעדזש.

די 'טעקס' ראטע ווערט באנייט איין מאל דורכאויס די יאר, ווען די סקול, טאון און ווילעדזש באשטימען דעם נייעם "בודזשעט" וויפיל עס וועט קאסטן צו אויפהאלטן אלע זייערע געברויכן אין לויף פון דאס קומענדיגע יאר. נאכ'ן אראפרעכענען די אנדערע "פאנדינג'ס" און גרענט'ס וואס זיי ערהאלטן פון אנדערע פלעצער קוקט מען וויפיל עס איז פארבליבן אויפ'ן בודזשעט, און דאס געלט ווערט איינקאסירט דורך די "טעקס" וואס ווערט צעטיילט צווישן די איינוואוינער פאר'ן יאר.

דער סיסטעם וויאזוי 'טעקס' ווערט איינקאסירט איז לויט די "וועליא", די ווערד, פון די פראפערטי פון דעם אייגנטומער. אזוי אז דער וואס האט א גרעסערע הויז, אדער א הויז מיט מער 'אפגרעיטס', וועט דארפן צאלן מער שטייערן ווי דער מיט'ן קלענערן אדער ווייניגער ווערדפולן הויז.

אט די ארבעט, צו אפשאצן דאס ריכטיגע ווערד פון יעדע הויז און יעדע פראפארטי אין די גרעניצן פון בלומינגראוו, ווערט געטון דורך דעם "tax assessor" פון דעם טאון, וואס זיין אויפגאבע איז צו שאצן און באשטימען די 'וועליא' פון יעדע הויז, כדי מען זאל דערנאך קענען איינקאסירן די טעקס לויט די ווערד פון דעם פראפערטי.

דער אלגעמיינער מהלך איז אויסגעשטעלט אז די טעקס באשטייערונג ווערט צעטיילט לויט יעדע טויזנט דאללער 'וועליא'. דאס הייסט אז ווען דער 'טעקס עסעסער' האט אפגעשאצט א הויז אין ווערד פון צ.ב.ש. 400,000 דאללער, וועט דער אייגנטומער דארפן צאלן 400 מאל פער טויזנט דעם באשטימטען סכום וואס איז באשטעטיגט געווארן פאר טויזנט דאללער 'וועליא'.

נאכדעם וואס דער 'טעקס עסעסער' האט אפגעשאצט דאס הויז ווערט די אינפארמאציע אריבערגעשיקט צום 'טעקס קאלעקטער' אפיס, וועלכע באפאסן זיך מיט די טעכנישע ארבעט צו איינקאסירן דאס געלט פון יעדן איינוואוינער.

פארשטענדליך אז איינמאל דער 'עסעסער' האט שוין באשטימט א פרייז וויפיל מען דארף צאלן אין "טעקס", קען מען שוין נישט פארלאנגען פון דעם 'טעקס קאלעקטער' צו בעטן ווייניגער, ווייל דער אפיס טוט בלויז אויספירן דאס וואס דער 'עסעסער' האט באשטימט. אויב וויל מען רעדוצירן די "טעקס" פון א פראפערטי, דארף מען דעריבער פארהאנדלען מיט'ן 'עסעסער' וואס איז פאקטיש דער וואס באשטעטיגט וויפיל מען זאל צאלן.

## די געהעכערטע 'טעקס' נאכ'ן אפקויפן הייזער

אונזער געגנט "בלומינגראוו" איז באקאנט צו זיין זייער צוגענגליך ווען עס קומט צו 'טעקס ראטעס', וואס איז א שטארקע פאקטאר פארוואס אזויפיל אידן מאכן דעם באשלוס דא צו קויפן הייזער, צוליב דעם די סטאבילע 'טעקס' פרייזן, וואס איז פיל ווינציגער ווי די שכינות'דיגע געגנטער ווי 'וואדבארי דזשאנקשאן', 'העלף האלא' א.א.וו. און אפגערעדט אז די טעקס איז נידריגער ווי די ראטעס אין אזעלכע געגנטער ווי 'עירמאנט', 'טשעסנאט ריטש' א.א.וו.

מיט א צייט צוריק, נאכדעם וואס 'בלומינגראוו' האט אנגעפאנגען באוואוינט ווערן מיט אידישע הייזער אייגנטומער, איז דורך די היזיגע באאמטע אויפגענומען געווארן א פרישער 'טעקס עסעסער', וועלכער האט זינט דאן גענומען "זייער ערנסט" זיין ארבעט, ווען ס'איז קענטיג צווישן די שורות א באהאלטענע ציל וואס קומט צום אויבערפלאך יעדע שטיקל צייט ביי אן אנדערע אידישע הויז אין געגנט.

ווי ערוועגט, איז דער וועג וויאזוי "טעקס" ווערט איינקאסירט, דורך דעם וואס מען שאצט אפ די "וועליא" פון דאס הויז. דעריבער איז פארשטענדליך אז ווען עס בויעט זיך א נייע 'דעוועלאפמענט' וואס פארקויפט זיך פאר א באשטימטע סומע, דאן ווען דארטיגע הייזער ווערן אפגעשאצט מיט'ן זעלבן 'וועליא', אויך אויב איינער פון די קויפער האט גראדע אראפגעהאנדלט די פרייז, ווייל למעשה האבן די דירות א באשטימטע "מארקעט וועליא" וואס וועט זיך אנזעהן אויף די "טעקסביללס".

אנדערש איז אבער ווען עס איז די רעדע פון אלטע הייזער, ווי ביי אונז אין בלומינגראוו, וואו דאס געזעץ לויטעט קלאר אז: "מען איז נישט ערלויבט צו העכערן די טעקס, באזירט אויף די סעיל פרייז".

לאמיר דאס קלארער ערקלערן.

אונזער געגנט, איז דאך ווי באקאנט געווען א גאר ביליגער דירות מארקעט, וואו הייזער זענען פארקויפט געווארן אויף א ראטע פון צווישן 225,000 און 400,000 אומגעפער. וואס באדייט אויטאמאטיש אז די 'טעקס' איז אויך געווען פיל ביליגער.

אצינד ווען די מארקעט פרייז איז ארויף, און הייזער ווערן פארקויפט פאר גרעסערע סומעס, זאגט דאס געזעץ אז מען טאר נישט העכערן קיין 'טעקס'! אפילו אויב די 'וועליא' פון די הייזער זענען דאך למעשה ארויפגעגאנגען, אבער ווילאנג דאס איז געשען בלויז צוליב א געזונטע מארקעט, קען מען נישט בעטן מער 'טעקס' דערפאר, אויך אויב די 'סעיל פרייז' איז געווען פילפאכיג העכער ווי די ארגינעלע פרייז.

> אומצאליגע אידן פארציילן איבער ביטערע עגמת נפש וואס זיי זענען אריבער אין דעם הינזיכט, ווען בלויז דורך אפקויפן דאס הויז איז די "טעקס" פאר דאס הויז געשטיגן מיט ריזיגע ראטעס, אן דעם וואס זיי האבן צוגעלייגט דאס מינדסטע "וועליא" צו דעם הויז.

די איינציגע וועג וויאזוי מען קען העכערן די "טעקס" איז ווען דאס הויז גופא איז געווארן מער ווערד, דורך איבערבויען, רענאוואציע, אדער צובויען אן 'עקסטענטשאן' וכדומה, וואס דאס לייגט צו באדייטענדע "וועליא" צום דעם הויז, און דעמאלט קען מען טאקע יא ארויפגיין מיט די "טעקס" בילל ווייל דאס הויז איז געווארן טייערער.

באזונדער איז פארהאן א געזעץ וואס באשטימט אז "סעלעקטיוו טעקס עסעסמענט" איז נישט ערלויבט. דאס הייסט אז דער 'עקזעמינאר' טאר טאר נישט מאכן דיפערענצן צו ארויפלייגן מער שטייערן אויף איין הויז מער פון דער אנדערער, ער טאר נישט אויסקלויבן באשטימטע הייזער צו העכערן זייער "טעקס" אָן קיין באגרינדעטע סיבה.

פאר די ביידע אויבנדערמאנטע סיבות וואלטן אידישע אייגנטומער אין בלומינגראוו געדארפט זיין זייער רואיג און באקוועם, וויסנדיג אז זייערע "טעקסעס" וועלן נישט געהעכערט ווערן אומ'יושר'דיג, ווי דאס געזעץ פארלאנגט.

אבער צום באדויערן, איז דאס בילד ליידער אינגאנצן אנדערש.

פון צופיל אידן הערט מען די זעלבע געשיכטעס, וויאזוי זייער "טעקס ביללס" זענען דראסטיש געהעכערט געווארן פון איין מינוט אויף דער אנדערער. אומצאליגע אידן פארציילן איבער ביטערע עגמת נפש וואס זיי זענען אריבער אין דעם הינזיכט, ווען בלויז דורך אפקויפן דאס הויז איז די "טעקס" פאר דאס הויז געשטיגן מיט ריזיגע ראטעס, אן דעם וואס זיי האבן צוגעלייגט דאס מינדסטע "וועליא" צו דעם הויז.

אין לויף פון די קורצע צייט זינט די עטאבעלירונג פון דעם "באורד" האט מען אין אפיס געהערט פון מערערע איינוואוינער וועלכע האבן זיך גוט נאכגעפרעגט און פאראינטערעסירט איידער זיי האבן אפגעקויפט זייערע הייזער צו פארזיכערן אז די 'טעקס' ראטע איז 'עפארדאבל' פאר זייער בודזשעט, אבער בלויז עטליכע חדשים דערויף, נאכדעם וואס מען האט שוין אפגעקויפט דאס הויז, האבן זיי זיך דערזען מיט ריזיגע 'טעקס ביללס' וואס זענען ארויפגעשפרינגען מיט דריי - דיגיט נומערן, אן דעם וואס מען זאל בכלל פארשטיין וואס דא האט פלוצים פאסירט.

## די 'טריקס' און טאקטיקן וויאזוי מען העכערט אונזער 'טעקס' אומבארעכטיגט

מען קען דאך נישט אפיציעל גיין און העכערן טעקס פאר אידן - בלויז ווייל זיי זענען אידן, און דאס זעלבע איז דאך נישט ערלויבט צו העכערן 'טעקס' אפילו ווען די מארקעט פרייז איז געשטיגן, האבן די היזיגע באהערדע דעריבער אויסגעטראפן אלע ערליי טאקטיקן און אינטריגעס וויאזוי צו אריינקומען פון א הונטער טירל און ארויפרוקן די שטייערן פאר אידישע אייגנטומער מיט אסטראנאמישע סומעס, אבער אלעס מיט אַן אומשולדיגע שלייער פון געזעץ.

איינס פון די טאקטיקן וויאזוי דער 'אסעסער' כאפט זיך ארויף צו העכערן די ראטעס פון אידישע הייזער, איז דורך רעכענען אלטע רענאוואציעס און תיקונים וואס דער געוועזענער גוי'אישער אייגנטומער האט דורכגעפירט מיט יארן צוריק, און אזוי ארום אויפהייבן די 'וועליא' פון דאס הויז.

ווי באקאנט האבן מערערע פון די גוי'אישע אייגנטומער אין בלומינגראוו צוגעלייגט און איבערגעבויעט זייערע הייזער, אָן קיין לעגאלע פערמיטן. דער ווילעדזש האט אפיציעל פארמאכט אן אויג אויף די אלע אקטיוועטעטן און בסך הכל יוצא געווען מיט'ן געבן א

ווייעלעישאן אויף די הייזער, אזוי ארום אז זיי האבן קיינמאל נישט אריינגעלייגט אין די רעקארדס אז די הייזער זענען איבערגעבויעט אדער איבערגעפרישט געווארן, און דעריבער איז עס געבליבן מיט די אלטע קלענערע טעקס ראטע.

דעריבער מאכט זיך צום באדויערן זייער אפט אז א איד קויפט אפ א הויז, וואס איז פארצייכנט מיט א נידריגע טעקס באשטייערונג, אבער פלוצים דערזעט ער זיך אז באלד נאכדעם וואס ער האט דאס אפגעקויפט האט מען אים געגעבן א הייב אויף די טעקס, און ווען מען וואונדערט זיך פארוואס דאס האט פאסירט צייגט דער 'אסעסער' אַן אז דער פריערדיגער אייגנטומער האט דאך פאר 10 יאר צוריק איבערגעבויעט דעם קיך אד"ג, און דעריבער רעכענען זיי יעצט די 'ווועליא' פון דעם הויז, כאילו מען האט נארוואס אריינגעלייגט א נייע קיך!

נאך א מיטל וויאזוי דער 'אסעסער' רוקט ארויף די אפשאצונגען איבער די 'ווועליא' פון א פראפערטי, איז צו נאכגיין יעדע הויז וואס ווערט ארויפגעלייגט אויפ'ן מארקעט און אריינקוקן אין אלע דעטאלן דערפון.

דער שטייגער איז דאך אז ווען א הויז שטייט צום פארקויפן ווערט דאס ארויסגעלייגט אויף די דעזיגנירטע וועבזייטלעך מיט אלע פרטים פון דעם הויז. און געוועגליך פרובירט דער מוכר צו אריינלייגן וואס מער איינצלהייטן וואס זאל ציען מענטשן צו קויפן דאס הויז.

דער 'אסעסער' גייט דורך יעדע אזא ליסטינג מיט א פארגרעסערונג גלאז אויף אלע דעטאלן און אלע בילדער וואס מען שטעלט ארויס פון יעדן צימער, און פארצייכנט זיך אלע פרטי פרטים וואס ווערט דארט דערמאנט. אויב לדוגמא שטייט אויף דעם הויז אז עס האט א נייע קאך, אַן איבערגעבויעטע בעיסמענט, א.ד.ג. דאן ווערט דאס גערעכט פאר 'ווועליא' און די טעקס ראטע שיסט ארויף.

פארשטענדליך אז דער סארט מהלך, פון זיך דערגרינטעווען צו "כאפן" יעדע מינדערוויכטיגע "אפגרעידט", ווערט געטון בלויז ביי הייזער מיט אידישע אייגנטומער, און דאס איז א זאך וואס מען זעט כמעט נישט אין ערגעץ, ביי קיין אנדערע טאונס און אפילו דא ביי אונז אין בלומינגראוו האט דאס נאר אנגעהויבן פאסירן נאכדעם ווען די אידישע געמיינדע האט זיך אנגעפאנגען אויסשפרייטן.

אויסערדעם האט דער 'טאון' דא גענומען אַן אגענדע צו העכערן 'טעקס' און צולייגן 'ווועליא' צו הייזער וועלכע באלאנגען צו אידישע אייגנטומער, דורך זיך ארויפכאפן אויף אזעלכע קליייניגקייטן ווי טוישן א פענסטער, איבערפעינטן דאס הויז, לייגן א נייע פלאר, צולייגן א טיר, ווערט באלד רעקארדירט אין זייערע ביכער אלס אַן "אימפראוומענט" וואס העכערט די ווערד פון דאס הויז.

זייער אפט פאסירט ווען א איד לייגט אריין עטליכע מינימאלע טוישונגען פאר עטליכע טויזנט דאללער צו איבערפרישן זיין הויז, איידער ער ציעט זיך אריין, אבער דער 'עסעסער' רעכנט אים די 'טעקס' ראטע אזוי ווי ער וואלט דא אריינגעלייגט הונדערטער טויזנטער דאללארן!

אייגנטליך איז דאס 'מעשים בכל יום' ווען אידישע הויז אייגנטומער וועלכע האבן צוגעלייגט מינדערוויכטיגע טוישונגען אין זייערע הייזער דארפן צאלן גרויסע סכומים פאר שטייער, אין דער צייט וואס די גוי'אישע שכינים האבן געקענט צובויען גאנצע 'עקסטענטשענס' און רענאווירן גרויסע חלקים פון זייערע הייזער אבער די 'טעקס' איז געבליבן דאס זעלבע נידריג.

דאס אלעס איז אפגעזען פון דעם פאקט אז מערערע מאל לייגט דער 'עסעסער' צו צום אפשאצונג פארשידענע 'אפגרעידס' וואס איז פשוט קיינמאל נישט געווארן אריינגעלייגט אין דאס הויז, מיט דער האפענונג אז דער הויז אייגנטומער וועט נישט נאכקוקן פארוואס מען האט אים יעצט געהכערט די 'טעקס' און ער וועט נישט באמערקן די בולט'ע שקרים וואס מען האט אים צוגעלייגט אן קיין שום באזיס.

## אידישע הויז אייגנטומער ווערן דירעקט בא'עול'ט

אין לויף פון די לעצטע וואכן און חדשים איז מען אינערהאלב "יו. דזשעי. סי." איבערגעגאנגען פילצאליגע דעטאלירטע ליסטעס פון הייזער אין 'בלומינגראוו' און איבערגעקוקט צענדליגער 'טעקס ראטעס' פון אידישע הייזער וועלכע זענען ארויפגעשפרינגען אין די לעצטע תקופה. מען האט באטראכט געגנט נאך געגנט, גאס נאך גאס, און הויז נאך הויז, און עס האט זיך אנטפלעקט די אומפארלייקנבארע מציאות אז: "אידישע אייגנטומער דארפן פאקטיש צאָלן פיל העכערע טעקס ווי זייערע ארומיגע שכינים!".

מען קען דאס אנצייגן קליפ און קלאר אויף אומצאליגע ביישפילן פון הייזער וועלכע פארמאגן די 'זעלבע' אויסשטעל, די זעלבע 'לעיאט', די זעלבע סקווער פיס, און דאס זעלבע שטח ארום, אבער די אידישע אייגנטומער צאלן פילפאכיג מער ווי זייערע שכינים מיט'ן גענוי זעלבן הויז, ווייל די איינציגע חילוק צווישן די הייזער זענען: פאר ווועמען עס באלאנגט!

בלויז לעצטנס האט א היימישער אינגערמאן געקויפט א קלענערע הויז דא אין געגנט, וואס די געוועגליכע טעקס ראטע דערפאר לויפט צווישן 5-6 טויזנט דאללער, און דאס הויז איז טאקע געליסטעט געווארן פאר די טעקס ראטע, זייענדיג רואיג אז אזוי וועט ער קענען רואיגער קענען דורכקומען זיין חודש'ליכן בודזשעט.

אבער צו זיין אנטוישונג און ווייטאג איז דער אינגערמאן דערציטערט געווארן ווען באלד נאכדעם וואס ער האט געקלאזט אויף דאס הויז און עס האט באקומען א אידישן נאמען אלס אייגנטומער, איז די 'טעקס' פלוצים ארויפגעשפרינגען צו די אסטראנאמישע סומע פון 12 טויזנט דאללער! דאפלט פון די געוועגליכע ראטע וואס אלע זיינע שכינים צאלן!

דא האנדלט זיך עס פון א אינגערמאן וואס האט זיך געקויפט מיט זיין ביסל אפגעשפארטע געלט א הייזקעלע, און "גארנישט" אריינגעלייגט אין דאס הויז, וועלנדיג שפארן דאס מאקסימום געלט. און דא האט ער זיך געטראפן מיט אזא אומגעהויערן הוצאה וואס ער קען בשום אופן נישט 'עפארדן' און ער האט זיך ניטאמאל צו וועמען צו ווענדן, קיינער אין דעם ווילעדזש אפיס איז נישטא אים צו העלפן

מען קען דאס אנצייגן קליפ און קלאר אויף אומצאליגע ביישפילן פון הייזער וועלכע פארמאגן די 'זעלבע' אויסשטעל, די זעלבע 'לעיאט', די זעלבע סקווער פיס, און דאס זעלבע שטח ארום, אבער די אידישע אייגנטומער צאלן פילפאכיג מער ווי זייערע שכינים, ווייל די איינציגע חילוק צווישן די הייזער זענען: פאר וועמען עס באלאנגט!

אדער אפילו אויסהערן.

דאס איז אַן אמת'ע געשיכטע פון גאנץ לעצטנס, אבער עס איז צום באדויערן נישט די איינציגע געשיכטע. עס האנדלט זיך בסך הכל פון אפענע פאקטן און נומערן וואס יעדער קען זיך איבערצייגן אז עס שפילט זיך דא אָפּ א בייזוויליגע "סעלעקטיוו טעקס עסעסמענט", מיט אַן אגענדע צו אויפהייבן "טעקס" פון אידישע איינוואוינער. פארשטענדליך אז דאס איז נישט דאקומענטירט אדער אפיציעל באשטעטיגט, אבער דאס איז די פשוט'ע מציאות ווען מען קוקט אויף די 'טעקס' מאפע אין געגנט.

נאכמער. לויט'ן געזעץ איז פאראן א רעגולאציע פון tax grievance, וואס באשטימט אז נאכדעם וואס א הויז אייגנטומער ערהאלט א העכערונג אין זיין 'טעקס ראטע' האט ער די רעכט במשך א קורצע צייט פון עטליכע וואכן צו אריינשיקן אן ארגומענט מיט א טענה פארוואס ער האלט אז די אפשאצונג אויף זיין פראפערטי איז נישט ריכטיג און פארוואס לויט אים דארף דאס צוריק אראפגידערן.

דאס געזעץ לויטעט אז דער 'טאון' דארף זיך באפאסן מיט יעדע פון די טענות און ערקלערן פאר'ן הויז אייגנטומער די סיבות וואס האט זיי געברענגט צו דורכפירן די העכערונג.

אבער, דא אין געגנט, האט עס שוין פאסירט מערערע מאל וואס אידישע איינוואוינער האבן אריינגעשיקט די געפאדערטע 'טעקס גריוועגס', און קיין איינער פון זיי האבן נישט ערהאלטן קיין קלארן אנטווארט פון די באהערדע פארוואס מען האט זיי געהעכערט די שטייערן! וואס ציילט בלויז נאכאמאל אז די העכערונגען זענען בלויז א טייל פון אַן ארקעסטרירטע אגענדע מיט א קלארע וויזיע קעגן א ספעציפישע געמיינדע.

## די האפענטליכע לעזונג מיט'ן כח הציבור

די שלוחי הציבור פון "יו. דזשעי. סי", האבן זיך שוין פאקטיש אריינגעווארפן צו העלפן ברענגען א לעזונג צו דעם פראבלעם. מען זיצט מיט פראפעסיאנאלן און אדוואקאטן וועלכע האבן ערפארונג אין דעם געביט, וואס באטאנען אלע אז דא ווערט באגאנגען אַן אפענע אומרעכט, און דאס קען אָן קיין צווייפל אויפגעוויזן ווערן אין א געריכטליכע אנקלאגע, וואס איז די איינציגע מיטל צו אפראטעווען אידיש געלט.

"יו. דזשעי. סי." איז אין נאנטע פארבינדונג מיט עטליכע גאר קאסטבארע אדוואקאטן

**די פאראייניגטע שטימע פאר אונזער עתיד אין דעם געגנט, צו ראטעווען "אידיש געלט", צו ראטעווען "אייער געלט", און צו אריינברענגען א יושר'דיגע און בארעכטיגטע "טעקס" סיסטעם**




וואס פארמאגן א ספעציעלע עקספערטיז אין דעם הינזיכט, און מען גרייט זיך, באלד נאך די בעפארשטייענדע וואלן, צו אנהויבן דעם קאמפליצירטן אבער העכסט וויכטיגן פראצעדור, צו אהערשטעלן א שטאנדהאפטיגע 'קעיס' פאר א געריכטליכע געראנגל לטובת די תושבי העיר.

אזא 'קעיס' איז איבערהויפט א קאסטבארע און לענגערע אונטערנעמונג, וואס דארף געטון ווערן דורך די ריכטיגע פראפעסיאנאלן, וויבאלד עס זענען דאך נישט פארהאן קיין אקטועלע פאקטישע הוכחות איבער די מיסברויכן פון די שטייער באאמטע, נאר מען דארף אנשטאט זאמלען אינפארמאציע און נומערן פון מערערע הייזער און פון פילע יחידים, וואס הערשט ווען מען שטעלט צונויף דעם גאנצן 'פאזעל' קען מען פרעזענטירן דעם אמת'ן בילד וויאזוי מען טוט אומבארעכטיגט צילן דירעקט אידישע איינוואוינער.

דאס זעלבע האפט מען בעז"ה אז מיט א סימפאטישע "ווילעדזש" באורד, וועט מען גלייכצייטיג קענען דורכפירן באלדישע שריט צו רעדוצירן די טעקס ראטעס פון די "ווילעדזש טעקסעס", אויף פארשידענע פראנטן וואס קען שפארן צענדליגער טויזנטער דאללארן פאר תושבי בלומינגראוו.

צ.ב.ש. איז פארהאן אין מערערע טאונס און ווילעדזשעס א סיסטעם פון "טעקס ברעיק", וואס באדייט אז ווען א מענטש באקומט א העכערע 'טעקס ראטע' צוליב דעם וואס די ווערד פון זיין הויז איז ארויפגעגאנגען, נאכ'ן איבערבויען וכדומה, קען ער אבער אויספילן און אריינשיקן א 'פארום" אז די העכערונג זאל נישט תיכף אריינגיין פולקאם אין קראפט, נאר עס זאל צוביסלעך ארויפגיין אין לויף פון די קומענדיגע לאנגע יארן.

אזוי ארום אז אפילו ווען מען רענאווירט זיך דאס הויז אדער מען לייגט צו א צימער, ווערט מען נישט באלד געהעכערט מיט ריזיגע סומעס, נאר דאס ווערט אויסגעשפרייט אויף א לענגערע פעריאד פון צייט, פאר די קומענדיגע 10 יאר, ווען יעדעס יאר גייט די 'טעקס ראטע' ארויף בלויז מיט נאך אביסל, וואס טוט פאקטיש שפארן שווערע טויזנטער דאללארן פאר די אייגנטומער.

דאס איז א 'סטעיט' געזעץ וואס יעדע טאון אדער ווילעדזש קען יא אדער נישט באשטימען. אין אונזער טאון אוו בלומינגראוו, און אזוי אויך אין דער ווילעדזש, ווערט דערווייל נאכנישט געגעבן אזא אפציע פאר די איינוואוינער.

איבעריג צו באטאנען אז ווען דער ווילעדזש וועט בעז"ה זיין אין פרידליכע הענט, וועט מען יא קענען אימפלעמענטירן די וויכטיגע רעגולאציע, אינאיינעם מיט נאך פאזיטיווע פארבעסערונגען אין אלע געביטן פון 'פראפערטי טעקס', וואס נעמט אריין צווישן אנדערע אזעלכע וויטגרייכענדע שריט ווי:

**1) נידערן 'סקול טעקס' דורך אויסארבעטן א מהלך אז די אלע איינוואוינער וועלכע נוצן נישט דעם "סקול סיסטעם" פאר זייערע קינדער זאלן זיין בארעכטיגט פאר אן ערנסטע 'דיסקאונט' אויף די סקול טעקסעס. 2) אראפשטימען די העכערונג אין דעם בודזשעט פון דעם ווילעדזש וואס הייבט אויטאמאטיש אויף די 'טעקס'. 3) טוישן דעם וועג וויאזוי מען שאצט אפּ פּראָפּערטיס, און נאך פילצאליגע איינצלהייטן פון וואס יעדער איינציגער איינוואוינער קען און וועט אי"ה בעניפיטירן אויף לאנגע יארן!**

די פאראייניגטע שטימע פון דאס בלומינגראווער אידנטום דעם קומענדיגן מארש 18 למספרם, איז אלזא נישט בלויז קריטיש פאר אונזער עתיד אין דעם געגנט, נאר עס איז איינפאך א שטימע צו ראטעווען "אידיש געלט", צו ראטעווען "אייער געלט", און צו אריינברענגען א יושר'דיגע און בארעכטיגטע "טעקס" סיסטעם פון וואס מיר אלע וועלן געניסן, ברוב סייעתא דשמיא.

### נוצליכע אינפארמאציע אקטועלע ידיעות איבער

# 'פּראָפּערטי טעקס'

איבערגעגעבן דורך דעם עקספערט

**הר"ר יואל שווארץ הי"ו**

**פון די באריםטע "גלילות ריעליטי"**

**פונקטן וואס וועט אויסגעשמועסט ווערן**

- 'טעקס' ראטע איז באזירט אויף די ווערד פון פראפערטי
- סטאַר קרעדיט
- זאל מען אריינלאזן דעם 'עסעסער' ווען מען בויעט איבער?
- אויף וואס פארא פאקטארן ווערט אפגעשאצט די 'ווערליא' פון א הויז
- דאס וויכטיגקייט פון אריינשיקן דעם 'טעקס גריוועגס' בעפאר מאי 1 למספרם

## אויף וואס איז באזירט די אפשאצונג אויפן טעקס ביל ?

דער כלל ביי 'פראפערטי טעקס' איז אז דער בודזשעט פון דעם סקול, טאון אדער ווילעדזש, ווערט צעטיילט צווישן די איינוואוינער לויט וואס פארא ווערטפולע פראפערטי מען פארמאגט.

די גענויע רעגולאציעס וואס עס ווערט גערעכנט פאר 'ווערליא' איז נישט איינציג און גלייך איבעראל. צ.ב.ש. ווייסט יעדער אז אין די 'סיטי' וועט א 'קאנדא' אייגנטומער דארפן צאלן העכערע 'טעקס' ווי א 'סינגל פעמילי הויז' אייגנטומער, ווידעראום דא אין אפסטעיט איז גענוי קאפויער, ווען די 'קאנדאוס' האבן ביליגערע ראטעס פאר טעקס ווי 'סינגל פעמילי הייזער'.

בכלליות איז דער סיסטעם אויסגעשטעלט אז די 'טעקס' ווערט אפגעשאצט לויט די 'קאנדישאן' און לויט די 'לעיאט' און אויסשטעל פון דאס הויז.

ווידעראום ווען מען בויעט זיך איבער דאס הויז, איז געווענליך דער כלל אז אויב ווערט צוגעלייגט "וואוין ארט" אין די דירה, דאן ווערט דאס באטראכט ווי א שטארקע העכערונג אין דאס 'ווערליא' פון דאס הויז. לדוגמא, ווען מען רענאווירט א 'בעיסמענט' דורך צולייגן א 'בעדרום צימער' אדער נאך א 'טוילעט', וועט דאס באדייטנד הייבן די 'ווערליא' פון דאס הויז וויבאלד דאס טוט ערמעגליכן אז מער מענטשן זאלן קענען וואוינען אין דאס הויז. אבער אויב מען פארגרעסערט דעם 'דיינונג רום' אדער 'קוך' וועט עס נישט אזוי שטארק ארויפגיין, אין געווענליכע אומשטענדן, ווייל די סארט פלעצער איז נישט געמאכט צו שלאפן, נאר צו פארברענגען דארט, וואס דעריבער הייבט עס נישט אזוי שטארק די 'ווערליא' פון דאס הויז לויט זייערע רעגולאציעס.

דערפאר קען מען צומאל זען ביי צוויי הייזער וועלכע זענען די זעלבע ס.ק. גרויס, און איין הויז ווערט געשאצט מיט א פיל העכערע 'טעקס ראטע'. דאס איז צוליב דעם וואס די הויז האט נאך א שלאף צימער, אדער נאך א בית הכסא, אין דער צייט וואס די אנדערע הויז פארמאגט טאקע די זעלבע שטח אבער ס'איז נישט קאנצעטרירט אויף נאך צימערן.

פארשטענדליך אז ווען דאס הויז איז זייער גרויס מיט אסאך ס.ק. וועלן זיי דאס אויך נעמען אין באטראכט, און וועלן יא העכערן די 'ווערליא', אפילו אויב ס'איז נישט דא אזויפיל צימערן.  די אלע שאצונגען זענען באזירט אויף אסאך קליינע דעטאלן, לויט די מיינונג און שטימונג פון דעם 'טעקס עסעסער' וואס איז דער אויסשליסליכער מכריע אין דעם הינזיכט.

## די בעניפיטן פון "סטאַר קרעדיט":

פון די וויכטיגע זאכן, וואס עס איז זייער כדאי אז יעדער הויז אייגנטומער זאל וויסן, איז דער סיסטעם פון 'סטאַר קרעדיט'. דאס איז א קרעדיט וואס די 'סטעיט' גיט צוריק פון דאס געלט וואס זיי האבן באקומען פון די 'סקול טעקס' וואס מען האט געצאלט דורכאויס דאס יאר.

יעדער "פריימערי היים אייגנטומער" וועלכער וואוינט אין זיין הויז, איז בארעכטיגט פאר די קרעדיט, וואס איז אין יעדע געגנט אנדערש. ביי אונז אין 'בלומינגראוו' קומט דאס אויס צו אומגעפער 1,000 דאללער יערליך, און צומאל נאך מער.  באזונדער איז דא א פראגראם פאר 'סיניער' איינוואוינער, פון 65 יאר און העכער, וועלכע ערהאלטן נאך מער פון זייער 'טעקס' געלט.

עס האט שוין מערערע מאל פאסירט אז מענטשן האבן זיך געוואנדן צו (אונזער 'גלילות ריעליטי') 'גלילות' אז ווען זיי האבן זיך פאראינטערעסירט אויף זייער הויז ביים פריערדיגן אייגנטומער איז ארויפגעקומען א באשטימטע פרייז פאר 'טעקס', אבער אצינד ווען זיי האבן דאס אפגעקויפט באקומען זיי העכערע בילס. און נאכ'ן באטראכטן דעם 'קעיס' האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער פריערדיגער אייגנטומער האט געהאט דעם 'סטאַר קרעדיט' בעניפיט, וואס דעריבער איז אויף די אפיציעלע ראטע פון דאס הויז ארויפגעקומען א ביליגערע 'טעקס' קוקנדיג אויף דעם סך הכל וויפיל דער אייגנטומער האט פאקטיש געצאלט.

מיר זאגן אייביג פאר אזעלכע אידן אז דאס קען מען שנעל פארריכטן, דורך דעם וואס מען שיקט אריין א פארום אז מען וויל געניסן פון דעם קרעדיט אלס א היים אייגנטומער וואס וואוינט אין דעם הויז.

דאס געלט וואס מען האט געצאלט בעפאר מען האט זיך איינגעשריבן אין דעם פאגראם באקומט מען שוין טאקע נישט צוריק, אבער כאטש אויף להבא קען מען געניסן פון דעם קרעדיט און צוריק באקומען יעדעס יאר א שיינע סומע פון די שטייערן.

דאס איז אייגנטליך א לייכטע פראצעדור וואס מען קען אליינס אויסשטעלן 'אנליין' און אריינשיקן. אויך מיר, אין דער 'גלילות ריעליטי' אפיס, זענען שטענדיג גרייט צו העלפן אויסשטעלן און אריינשיקן דעם פארום לויט אלע לעגאלע פארמאליטעטן, פאר א מינימאלע אפצאל.

זאל מען אריינלאזן דעם ׳עסעסער׳ ווען מען בויעט איבער?

מענטשן פרעגן צומאל צי עס איז ראטזאם אריינצולאזן דעם ׳טעקס עסעסער׳ אין שטוב, בשעת ווען פירט דורך א רענאוואציע און ער וויל קומען באטראכטן די ׳אפגרעידס׳ כדי צו אפשאצן די פרישע ׳וועליא׳ פון דאס הויז.

געזעצליך איז זיכער אז מען דארף נישט אריינלאזן קיינעם אין שטוב, די שאלה איז נאר צי עס לוינט פון א פינאנציעלע פונקט. און דער תירוץ איז דערויף אז מען קען נישט זאגן קיין כלל דערביי, עס ווענדט זיך ביי יעדן לויט די אומשטענדן.

דער סדר איז אז ווען מען נעמט ארויס סיי וועלכע ׳פערמיט׳ פון די ווילעדזש צו בויען אדער רענאווירן דאס הויז, באקומט דער ׳עסעסער׳ גלייך א ׳נאטיץ׳ פון דעם ׳בילדונג דעפארטמענט׳ מיט די אינפארמאציע אז אין דעם ספעציפישן הויז וועט מען ׳אפגרעידן׳ מיט די פאלגענדע טוישונגען. די ׳בילדונג דעפארטמענט׳ לייגט אויך צו די פרייז וויפיל מען פלאנירט צו צאלן פאר די קאנסטראקציע פראיעקט, וואס דאס ווערט געניצט דורך דעם ׳עסעסער׳ צו הערכן די ׳וועליו׳ פון דאס הויז לויט די פרייז וואס איז ערוועגנט געווארן אין דעם פערמיט.

פארט אבער האט זיך שוין געמאכט עטליכע מאל וואס דער ׳עסעסער׳ האט באשלאסן צו אריינגיין זעהן דאס הויז אינמיטן א קאנסטראקציע ארבעט, און ווען מען האט אים נישט אריינגעלאזט האט ער איבערגעשאצט די ׳וועליו׳ פון דאס הויז לויט זיינע השערות אז מען האט אריינגעלייגט פרישע ווערד אין דעם הויז פון צענדליגער טויזנטער דאללארן, אין דער צייט וואס באמת איז די גאנצע רענאוואציע געווען בלויז אויף מינדערוויכטיגע זאכן און דאס הויז איז פאקטיש נישט געווארן צופיל מער ווערד.

דעריבער אין אזא פאל, ווען מען ווייסט ביי זיך אז מען לייגט נישט צו קיין גרויסע ׳אימפראוומענטס׳ צו די שטוב, דאן איז געווענליך יא ראטזאם צו אריינלאזן דעם ׳עסעסער׳, כדי ער זאל זיך איבערצייגן מיט די אויגן אז די ׳וועליו׳ פון דאס הויז איז נישט ארויף. ווידעראום אין אנדערע פעלער, ווען מען האלט אז עס וועט נישט זיין קיין טובה אים צו אריינלאזן, צ.ב.ש. ווען מען האט ארויסגענומען א ׳פערמיט׳ אויף א געוויסן סכום אבער למעשה איז דאס הויז רענאווירט געווארן פאר א העכערע סומע, דאן איז מען טאקע נישט פארפליכטעט צו אריינלאזן קיינעם.

## קען א ׳רע- פיינענס׳ שאטן פאר די ׳טעקס ראטע׳?

צו אונזער אפיס איז שוין אנגעקומען עטליכע אנפראגעס אויב מען דארף זיך זארגן ווען מען וויל דורכפירן א ׳רע - פיינענס׳ אויף דעם מארגעדזש און מען רופט א ׳פרעיזער׳ צו אפשאצן דאס הויז, אסאך מאל איז דאס הויז ארגינעל גערעכנט געווארן אין א געוויסע ׳וועליו׳ אבער אצינד איז דאס שוין איבערגעבויעט און צוגעלייגט געווארן מיט אסאך מער ׳וועליא׳ און מען וויל וויסן אויב דער ׳עסעסער׳ באקומט אזא באריכט.

פון אונזער ערפארונג דארף דאס נישט צו זיין קיין פראבלעם. ווילאנג מען שרייבט נישט איבער קיין ׳דיעד׳ מען רופט נאר א ׳פרעיזער׳ וועט דאס נישט אנקומען צו די אויפמערקזאמקייט פון דעם ׳עסעסער׳, הגם טעכניש קען ער עס טאקע זען, אבער אין געווענליכע אומשטענדן פאסירט דאס נישט.

## דאס וויכטיגקייט פון ארייינשיקן דעם ׳טעקס גריוועונס׳ בעפאר מאי 21 למספרם

שטייענדיג אצינד אין חודש פעברואר למספרם, איז וויכטיג צו ערוועגנען אן אקטועלע דערמאנונג פאר היים אייגנטומער.

GLILOS
PROPERTY SERVICES
Residential & Commercial
845.648.3313 #4
savetax@glilos.com

דאס געזעץ באשטימט אז ווען דער ׳טעקס עסעסער׳ העכערט שטייער אויף א פראפערטי דארף ער דאס לאזן וויסן פאר׳ן אייגנטומער, און דער אייגנטומער האט דאן א רעכט דאס צו ׳פייטן׳ פראטעסטן און צוריקשיקן א בריוו מיט די ערקלערונג פארוואס ער האלט אז ס׳איז נישט בארעכטיגט די ׳טעקס׳ העכערונג.

יעדעס יאר, חודש מאי 1 למספרם, ערשיינט די נייע ׳עסעסמענט ראול׳, מיט אן אפדעיטעט ליסטע פון אלע פראפערטיס און זייערע ׳וועליוס׳. די אלע הייזער וועלכע האבן באקומען א העכערע עסעסמענט ערהאלטן דאן א בריוו מיט א מעלדונג אז זייער ׳ט עסעסמענט איז ארויף, און זיי האבן די מעגליכקייט צו צוריק שיקן א ׳טעקס גריוועונס׳ ביז דעם דאטום פון מאי 21, ווען מען קען אריינגעבן אלע קאמפלעינס און טענות וואס מען האט אויף די נייע שאצונג.

נאכדעם וואס מען האט דאס אריינגעשיקט ווערט עס באטראכט דורך א באשטימטע באורד, וואס ביז יולי 1 דארפן זיין ארויסגעבן זייער באשלוס אויב זיי נעמען אָן די ׳קעיס׳, און אין מערערע פעלער קען מען טאקע אפקומען פיל ביליגער ווען מען שיקט אריין דעם ׳גריוועונס׳ בעתו ובזמנו.

ס׳איז אבער זייער וויכטיג אז מען זאל דאס נישט נעמען פאר לייכט און זיין גענוג צייטליך. ווייל אויב מען פארפאסט דעם דאטום פון מאי 21 דאן האט מען אפיציעל פארלוירן די רעכט צו מערער זיין אויף דעם באשלוס פון דעם ׳טעקס עסעסער׳ און די העכערונג איז באשטעטיגט. עס לוינט נישט צו האבן אזא שאדן צוליב בלויזע פארנאכלעסיגקייט.

און זאל טאקע באמערקט ווערן, אז מען ברויך נישט ווארטן ביז מאי 1

צו אריינשיקן די קאמפלעינס. אדרבה, וואס פריער מען שיקט דאס אריין איז פארהאן בעז"ה בעסערע שאנסן אז זיי זאלן דאס אננעמען ווען ס'איז נאך רואיג און נישט אנגעלייגט מיט ארבעט ביי זיי אין דער קאמיטע.

גלייכצייטיג דארף מען אבער וויסן אז אויך ווען מען האט בארעכטיגטע טענות און מען האפט צו באקעמפן די העכערונג, דארף מען אבער פולקאם באצאלן דעם יעצטיגן 'טעקס ביל' ווילאנג מען האט דאס נאכנישט אויסגעקעמפט. נישט צאלן 'פראפערטי טעקס' איז זייער אן ערנסטע פארלעצונג וואס איז די העכסטע 'ליען' צו צונעמען דאס הויז ה"י, עס לוינט זיך נישט פאר קיינעם צו דורכגיין אזעלכע סארט עגמת נפש.

## נאך א וויכטיגע פונקט וואס איז ראטזאם צו נעמען אין קענטעניס:

ווי ערוועגט, ווערט יעדעס יאר פונדאסנייע באשטימט די 'וועליוס' פון אלע פראפערטיס און הייזער דא אין געגנט. דער דעדליין דערפאר איז אין דעם דאטום פון מארטש 1. דאס הייסט אז וויאזוי אייער הויז קוקט אויס מארטש 1 אזוי ווערט דאס אפגעשאצט פאר'ן טעקס ראטע אויפ'ן גאנצן קומענדיגן יאר.

מען הערט צומאל פון אידן וועלכע האבן רענאווירט זייער הויז און דאס ערשטע יאר איז זייער 'טעקס ראטע' נישט צופיל געהעכערט געווארן, אבער א יאר דערויף דערזען זיי זיך מיט פיל העכערע 'טעקס'.

אפט איז די סיבה זייער פשוט: פאראיאר אום מארטש 1 איז נאך דאס הויז געווען אינמיטן קאנסטראקציע, און דעריבער האט דער 'עסעסער' געמאכט בלויז א טיילווייזע אפשאצונג. אזוי ארום אז אפילו שפעטער ווען דער איד האט פארענדיגט דאס הויז און באקומען דעם סי. און או. איז נאך פארבליבן אויפ'ן גאנצן יאר די אפשאצונג פון פארגאנגענעם מארטש ווען דאס הויז איז נאכנישט געווען פארטיג. אבער אצינד, ווען מען האלט שוין צום צווייטן יאר, האט מען פריש אפגעשאצט דאס הויז לויט איר ריכטיגע 'וועליא' און דעריבער איז די 'טעקס ראטע' ארויפגעגאנגען.

אט די ידיעה איז גוט צו געדענקן ווען מען רענאווירט אדער מען בויעט זיך איבער א הויז, זאל מען וויסן אז מארש 1 איז דער דעדליין, און עס לוינט זיך צו ווארטן צו ארויסנעמען דעם סי. או. נאך דעם דאטום, וואס אזוי ארום קען מען זיך איינשפארן א שיינע סומע פון 'טעקס' אויפ'ן קומענדיגן יאר.

אלענפאלס, איז יעצט די ריכטיגע צייט צו אויסשטעלן און אריינשיקן סיי וועלכע 'קאמפלעין' וואס מען האט אויף די 'טעקס ראטע'. 'גלילות פראפערטי סערוויס""', שטעלט צו דעם סערוויס מיט'ן פיילן אלע נויטיגע דאקומענטן, צו אייער צוגעגליכקייט. ווי דערמאנט, ווי פריער מען שיקט דאס אריין איז פארהאן בעסערע שאנסן אז זיי זאלן זיך באפאסן מיט מער רואיגקייט און פארשטענדעניש מיט אייער 'קאמפלעין'.

## איז דאס גילטיג נאר ביי רעזידענשאל הייזער?

בפירוש נישט, הגם ביי קאמערציע"ל בילדינג"ס איז די פראצעדור אביסל אנדערש און מער קאמפליצירט קען אבער אויסקומען די שפארונג אין די צענדליגער טויזענטער ווי מיר האבן שוין געזען אין די פארגאנגענהייט, אדרבא 'גלילות' איז גרייט איבערצוקוקן יעדע קאמערציעל אויב עס האט פאטענציעל אראפצורוקן די טעקס.

שיקט אריין אייער פארלאנג מיט אייער פראפערטי אדרעסע צו אונזער אימעיל אויף savetex@gmail.com אדער רופט אריין צו אונז אין אפיס אויף 845-648-3313 עסטענטשאן 4 וואו מיר ווארטן אייך צו זיין בייהילפיג מיט אלע געברויכן.

"גלילות ריעלטי" רעכנט נישט קיין געלט בעפאר, בלויז נאכדעם וואס מיר האבן סוקסעספול באקעמפט אייער העכערונג, וועט מען רעכענען א געוויסע פראצענט פון אייער רוח. אזוי ארום אז איר קענט זיכער נישט פארלירן מיט אונזער הילף.




United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

# United Jewish Community *of* Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Kraus**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

# דאנק און הכרת הטוב

אין די געלעגנהייט ווען מיר האבן בסייעתא דשמיא געהאט די געלעגנהייט
צו ווידערערפענונג פון אַזוי-וויכטיגן "שאָרטקאָט",
א שריט וואס איז באגריסט געווארן מיט פרייד דורך תושבי העיר

טוען מיר אויסדרוקן א הארציגע הכרת הטוב פאר די פרעסטיזשופולע

## 'אפסטעיט רופינג' פירמע

פאַר'ן איינגענטומער הרבני היקר נדיב לב
מוה"ר **בעריש שעהנברוין** הי"ו
און הבא על ידו העושה והמעשה,
וועלכער פירט דאָס געשעפט
מוה"ר **וואלף ווערצבערגער** הי"ו

UPSTATE
ROOFING & SIDING
845-781-4848

## וועלכע האָבן מיט געטריישאַפט צוגעשטעלט די גאַנצע מאַטריאַל און אַרבעט פריי פון אָפּצאָל!

**אין לך מדה טובה כהכרת הטוב**
זעלבסטפארשטענדליך אז תושבי העיר וועלן זיך באנוצן מיט די פירמע ווען
מ'האט א געברויך פאר רופינג אדער סיידינג, און צוריקקווייזן הכרת הטוב
פאר די וואס האבן זיך צוגשטעלט אזוי שיין בלויז לטובת תושבי העיר

זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן מיט שפע ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא

מיט דאנק און שעצע
**United Jewish Community of Blooming Grove**

**אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...**

# השתלשלות השתדלנות

## איך ביים שוועל פון די בעפארשטייענדע וואלן; אלעס בלייבט ביים אלטן

לאנגע וואכן און חדשים זענען אריבער מיט אלע ערליי שתדלנות בדרך הכנעה ותחנונים, צו פרובירן ווייער מאכן דאס הארץ פון דעם מעיאר, און קלאפן אויף זיין טיר אז ער זאל מסכים זיין זיך צו אראפזעצן מיט די אידישע פארטרעטער פון אונזער געגנט, אבער ווי די ליינער האבן מיטגעהאלטן צווישן די שפאלטענעס פון דעם "השתלשלות השתדלנות" קאלום, האט מען צום באדויערן זיך אנגעשטויסן אין שטיינערנע ווענט, ווען אלע אינטערווענצן און אלע געבעטן זענען איגנארירט און העסליך צוריקגעוויזן געווארן.

אויב האט מען געמיינט אז נאך אזויפיל ענדלאזע אינטערווענץ און דורכפעלער איז דער שפיל שוין פארטיג, זענען די געטרייע 'באורד פארטרעטער', הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו; באורד טשערמאן, און הר"ר יואל שטערן הי"ו; באורד רעפרעזענטיוו, **איבערראשט געווארן דעם פארלאפענעם פרייטאג, עש"ק יתרו העעל"ט, 3:15 נאכמיטאג, צו ערהאלטן א היסטערישן טעלעפאן רוף פון דעם מעיאר, בכבודו ובעצמו, וואס פארלאנגט אז ער וויל זיך מיט זיי טרעפן נאך בעפאר שבת.**

אויף די פראגע פון די עסקנים: וואס איז אצינד דער געיעג, און פארוואס מוז מען זיך אוועקזעצן אין אזא אנגעשטרענגטע צייט, ווינציגער פון 2 שעה צום זמן הדלקת הנרות. האט דער מעיאר בלויז ווידערהוילט אז ער וויל זיך וויכטיג טרעפן מיט די 'באורד פארטרעטער' תיכף ומיד.

טראץ דעם וואס מען האט שוין געהאלטן נאך די מקוה, זייענדיג מלובש מיט די בגדי שבת אין סאמע ברען פון די לעצטע הכנות צום שב"ק אין אידישע שטובער, האט מען באלד באשלאסן אז מען וועט נישט ארויסלאזן אזא געלעגנהייט אויף וואס מעןווארט שוין אזויפיל לאנגע חדשים. אויב דער מעיאר איז ענדליך גרייט זיך צו טרעפן וועט מען טאקע אריבערגיין און אפשר וועט מען טאקע אויפטון דאס ריכטיגע פאר דאס וואוילזיין פון אידן אין בלומינגראוו.

אנקומענדיג צום ווילעדזש האלל איז שוין געווען שפעט עש"ק נאכמיטאג, און אויף די וואונדער פון די עסקנים וואס האט אצינד פאסירט נאך אזויפיל וואכן און חדשים וואס מיר לויפן נאך דעם מעיאר אז ער זאל אונז רופן, האט דער מעיאר אנגעהויבן דרייען מיט דער צינג און מרמז זיין אז עס קומען דאך די קומענדיגע עלעקשאנס און דעריבער איז ער אנגעבליך גרייט צו הערן אונזערע פארלאנגען אין אויסטויש פון אן אינדראסירונג.

ווי שטעלט זיך ארויס, איז דעם פארלאפענעם פרייטאג געווען דער דאטום ווען ס'איז אפיציעל באשטעטיגט געווארן די ליסטעס מיט אלע קאנדידאטן וועלכע וועלן זיך פארמעסטן אין די קומענדיגע וואלן, וואס דאס האט ווארשיינליך געברענגט אז די הויט זאל אנהויבן ברענען אויפ'ן מעיאר, אזש ער זאל אנשטעלן א פנים כאילו ער וויל זיצן מיט די עסקנים.

**ווירקליך האבן די שלוחי הציבור, דערביי קלארגעשטעלט פאר'ן מעיאר אז פון אונזער זייט זענען מיר טאקע נאך אלץ פולקאם גרייט זיך צו דורכקומען מיט'ן גרעסטן רעספעקט, אונזער טיר איז שטענדיג אפן און עס איז קיינמאל נישט צו שפעט.**

האפענדיג אז כולי האי ואולי איז אצינד פארהאן א שטיקל "שעת הכושר" צו באאיינפלוסן דעם מעיאר זאל אקעגן קומען די אידישע אינטערעסן האבן די געטרייע עסקנים באלד ארויפגעברענגט אויפ'ן טיש 9 אקטועלע ברענענדיגע טעמעס וואס טוט באאומרואיגן בלומינגראווער אידן און וואס מיר קוקן ארויס צו זעהן שינויים לטובה אין די אלע הינזיכטן.

עס איז דערביי אויסגערעכנט געווארן **1) די פארשלאסענע שאָטל. 2) דאס בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף 31 מעריוואלד. וואס שטייט פארזיגלט און פארהאקט. 3) דאס בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף רינאוק וואס זיצט אין געריכט מיט א 'סטאפ ארדער' און שווערע ווילעישענס. 4) בית המדרש מאורות נתן ראדאוויץ וואסווארט אויף פארמיטן צו ארויסבויען דעם ווייבער שול און אנדערע וויכטיגע געברויכן. 5) בית המדרש אמרי פנחס קאריץ וואס איז אפגעשטעלט געווארן פון בויען א מקוה און א בית המדרש המפואר. 6) און 7) א פארלאנג צו אריינשטעלן א אידישע מיטגלידער אויפ'ן פלעניניג באורד און אויפ'ן זאונינג באורד, ארויסצוהעלפן די איינוואוינער אין די בתי מדרשים 8) א פארלאנג אז דער ווילעדזש זאל אפשטעלן אלע באמיאונגען אונז צו ארייננשמעלצן אינאיינעם מיט די 'טאון' גרעניצן ווי אויספירליך באריכטעט די וואך און 9) באקומען די נויטיגע פערמיטן צו עפענען דעם לעבנסוויכטיגן 'הצלה' גאראדזש אין בלומינגראוו.**

מען האט געהאפט אז יעצט "על פתחו של...", ווען די הויט ברענט פאר'ן מעיאר, זאל מען קענען פועל'ן עפעס זאכליכע פארשריט, אבער דאן האט מען ווידער אנגעהויבן זינגען די אלטע קענטליכע אויסריידן און תירוצים פארוואס ס'איז נישט אין זיין מעגליכקייט צו טון עפעס. איבער דאס בית המדרש אויף מעריוואלד דארף מען זיך ווענדן צום פלעניניג און זאנונג באורד... איבער דאס בית המדרש דארף מען רעדן צו א לויער וויבאלד דאס איז אין געריכט... דאס זעלבע בנוגע דעם שאטל דארף מען פארהאנדלען מיט'ן לויער ווייל ס'איז

אין געריכט... (נישט דערמאנענדיג דעם פאקט אז די 'קעיסעס' זענען פאקטיש אין געריכט צוליב דעם וואס דער מעיאר מיט'ן ווילעדזש האבן דאס געקלאגט אין געריכט).

אנשטאט סיי וועלכע באלדיגע הילף האט דער מעיאר ארויסגענומען פון שיפלאד דעם אלטן טאקטיק פון טיילן הבטחות מיט א ברייטע האנט. "יעצט" קען ער טאקע גארנישט טון אבער "אין א האלב יאר נאך די עלעקשאנס", "אין א דריי פערטל יאר נאך די עלעקשאנס", "אין א יאר ארום", וועט ער זיך געוויס צושטעלן און העלפן אלע אונזערע געברויכן...

אזוי זיצן צוויי פארנומענע אידן, אין די סאמע אנגעשטרענגסטע צייט פון דער וואך, און דוסקוסירן אויף א פריינטליכן אופן מיט'ן מעיאר, מיט דער האפענונג צו הערן פון אים עפעס זאכליך, עפעס למעשה'דיג, אבער גארנישט רוקט זיך נישט.

נאך א שיינע צייט שמועסן, שטייענדיג שוין א 3 פערטל שטונדע צום זמן הדלקת הנרות, האבן די שלוחי הציבור באשלאסן אז אויב איז יעצט פארהאן א שטיקל פתח פאר א פרידליכע דיאלאג וועט מען דאס נישט דורכלאזן, מען וועט בפועל "ארויסגיין פון וועג" צו פארהאנדלען און זיך דורכקומען בדרכי נועם מיט אלע מעגליכקייטן.

דאן איז עס געווען ווען מען האט זיך געוואנדן צום מעיאר מיט א זעלטענעם פארשלאג וואס מען איז געווען זיכער אז דאס וועט ענדגילטיג ברעכן דאס אייז און ברענגען א פארשטענדניש אויפ'ן עתיד.

**די עסקנים האבן ערקלערט פאר'ן מעיאר אז אויב מען וויל טאקע ערלעדיגן ביים ציבור צו שטימען לטובתו, דארף מען צוריקקומען צו די איינוואוינער מיט עפעס "תכלית". בלויז געבן פארשפרעכונגען און הבטחות אויף נאך די עלעקשאנס וועט נישט ארבעטן, ווייל דער ציבור איז צום באדויערן שוין אפגעבריט פון די פארגאנגענע עלקעשאנס מיט צוויי יאר צוריק, ווען דער מעיאר האט פארשפראכן גאלדענע גליקן אבער מען האט ליידער באקומען דאס פארקערטע. אצינד, ברויך מען צייגן פאר'ן ציבור קראנטע זאכן אויף למעשה.**

דעריבער האט מען פארגעשלאגן פאר'ן מעיאר א געוואגטע הצעה, אז אפילו אויב אלע אויבנדערמאנטע פראבלעמען איז נישט שייך צו ערלעדיגן אין אזא קורצע צייט, **זאל ער אויסקלויבן 3-4 פון די ברענענדיגע טעמעס, און דאס דורכפירן צו אונזער צופרידנהייט נאך בעפאר די וואלן.** אויב די עטליכע זאכן ווערן ערלעדיגט אין די קומענדיגע צוויי - דריי וואכן דאן ציען מיר גענצליך ארויס אונזערע קאנדידאטן אויפ'ן מעיאר קאנדידאטור, און דער אמטירנדער מעיאר וועט לויפן אליינס אויף די פאזיציע, אָן קיין איין אפאנענט!

**אזא פארשלאג, האט באדייט אַן אומגעהויערע 'ויתור' מטעם די עסקנים**, נאכ'ן אריבערגיין אזויפיל עגמת נפש און הפסד פון אידיש געלט אדאנק זיינע שריט אין די לעצטע צוויי יאר, האט מען פארט מסכים געווען אים צו שענקן א זיכערע געווינס! אין פאל ער שטעלט זיך צו מיט כאטש טייל פון די פראבלעמען וואס פלאגט אונזער געגנט.

**מען איז גרייט געווען אויף אלעם למען השלום, אפילו צו אויפגעבן אויף די גאנצע הארעוואניע פון די לעצטע תקופה מיט'ן טרעפן און ארויסשטעלן מעיאר קאנדידאטן, אלעס כדי צו דורכפירן א פרידליכע און רואיגע השתדלות,** און מען איז געווען זיכער אז דער מעיאר וועט זיך געוויס "צוכאפן" צו אזא פארשלאג וואס באדייט אז ער איז דער זיכערער געווינער אין די קומענדיגע עלעקשאנס און דער פאקטישער 'מעיאר' פאר די קומענדיגע צוויי יאר.

**צו די אנטוישונג פון די שלוחי הציבור איז אבער נישט געווען קיין גרעניץ ווען דער אנטווארט פונעם מעיאר איז געווען אַן איינפאכע אייז - קאלטע "ניין!"**

אויך אויף אזא 'זעלטענע' און 'איינמאליגע' פארשלאג האט ער פשוט נישט מסכים געווען. אין דער זעלבער צייט וואס ער זעלבסט איז גוט באזארגט אויף זיין בענקל און ציטערט פון זיינע אפאנענטן אינעם מעיארל פארמעסט, אבער ווייזט אויס אז די שנאה, די גאוה, און די העצע, קעגן די אידישע איינוואוינער, וועגט איבער אפילו די אייגענע פאליטישע אמביציעס.

צובראכן און אנטוישט האט מען פארלאזט דעם ווילעדזש האלל, ווען דער זייגער קלאפט 4:51, קנאפע 20 מינוט צום זמן, וויסנדיג אז מען האלט ביי "אלף" און מען איז פארבליבן אויפ'ן זעלבן פונקט ווי פריער, מען שטייט דארט וואו מען האט אנגעהויבן דעם זיצונג מיט איינס און אהאלב שעה צוריק.



6

# בימים ההם בזמן הזה...



גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוויושט"א

## מוה"ר חיים הערש ליימזידער שליט"א

לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

## אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

**איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכינים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.**

**אין פארזעצונג צו זיינע אויטענטישע זכרונות מימים ההם, האבן מיר די וואך די זכי' צו הערן פון הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א, די גענויע שילדערונג וואס עס האט זיך אפגעשפילט בקודש פנימה, ווען דער צדיק הדורות, אבינו רועינו רבינו הק' זי"ע, האט מעורר רחמים געווען ומילים לצד עילאה ימלל, לטובת די הייליגע פעולות פון ערזעצן די גוי'אישע פיינטליכע באאמטע און ערמעגליכן א אידישע פירערשאפט וואס איז דער קיום פון א אידישע געגנט, און וויאזוי האט מיט זיינע הייליגע ברכות באגלייט די געטרייע עסקנים אין דעם שווערן קאמף מיט די גוי'אישע לויערס און העצערס וועלכע האבן דערקלערט קריג אויף די אידישע איינוואוינער בימים ההם בזמן הזה.**

### אונזער שרעק פון א דורכפאל און די אנגייענדע העצע

איך האב געהאלטן אינמיטן דערציילן איבער דעם ראפינירטן שפיצל דורך די שונאי ישראל וואס זענען אויפגעקומען מיט א כיטערן טאקטיק וויאזוי אונז צו פארלויפן דעם וועג מיר זאלן זיך נישט קענען באפרייען פון די גוי'אישע הענט, דורך דעם וואס זיי האבן אריינגעגעבן א פעטיציע צו פאראייניגען דעם "ווילעדזש אוו מאנרא" מיט דעם "טאון אוו מאנרא", אזוי ארום זאל מען זיך שוין נישט קענען אפטיילן פון איין ווילעדזש צו א נייע ווילעדזש.

אין די ערשטע מינוטן ווען מיר האבן דאס געהערט זענען מיר כמעט אריינגעפאלן אין א יאוש... מיר האבן געשפירט ביי זיך אז אונזער פלאן איז פארטיג, מען קען גיין שלאפן דערמיט, זיי האבן אונז איבערגעקלוגט און אונז פארלאפן דעם וועג. עס האט מאמענטאל אויסגעקוקט אז עס איז דערנאך מיט אלעמען.

עס איז געווען איינפאך פשוט ביי יעדן אז דער 'טאון' וועט יעצט שנעל באשטעטיגן די פעטיציע וואס די העצער האבן אריינגעגעבן, וואס דאס וועט פארשליסן יעדע קלער און יעדע מעגליכקייט וואס מען האט נאר געהאט אז מען זאל דא קענען וואוינען בכלל אָן קיין ביטערע רדיפות פון די אינסטאנצן.

מיט וואס א טאג עס האט זיך גערוקט האבן מיר באקומען די באריכטן אז דער 'טאון' האנדלט שוין ערנסט איבער יענע פעטיציע, מען ארבעט שוין אויס וויאזוי דאס זאל קענען צושטאנד קומען, אין די צייט וואס אונזער פעטיציע, זיך צו אפטיילן פון דעם טאון, ליגט דערווייל אין דער זייט גענצליך אומבאארירט.

**די העצע פון די שכינים איז געווען אין פולסטן ברען. יעדן טאג איז געווען נייעס. זיי האבן גערופן כסדר'דיגע מיטונגען און ארויסגעלאזט נייעס'ער אין די בלעטער מיט רופן צו זייערע מיטגלידער צו זיין גרייט צוזאמען אינעם קאמף און אינאיינעם לוחם זיין קעגן די "חסידים"**. זיי האבן געשריבן אז מען איז יעצט אריין אין די גרויסע אפיציעלע מלחמה קעגן די אידן וואס מען וועט זיכער געווינען און מען דארף צו דעם האבן יעדנ'ס שטיצע.

### דער רבי באגלייט די אנטוויקלונגען בברכת קדשו

שטייענדיג אין אזא לאגע איז ביי יעדן געווען א דבר פשוט אז יעצט מער ווי אלעמאל דארפן מיר האבן דעם רבי'נס הייליגע כוחות הקדושה, וואס איז די איינציגע וועג וויאזוי מיר קענען ארויסגיין פון דעם שווערן לאגע.

זענען מיר אריין אל הקודש פנימה צום רבי'ן, אינאיינעם מיט הרה"ח רבי משה פרידמאן הי"ו, און יבלחט"א הרה"ח רבי שלמה מיכל ראזנער ע"ה, און מיר האבן אים דערציילט אלעס וואס דא גייט פאר אצינד און וויאזוי דער פלאן זיך צו אפטיילן פון די גוי'אישע באהערדע איז אריינגעפאלן אין א פלאנטער.

**דער רבי האט דאך די גאנצע צייט באגלייט און מחזק געווען די פעולות צו אוועקשטעלן אַן אייגענע אידישע כח, וואס זאל נישט זיין אנגעוויזן אין די "טובות" פון אונזערע "גוטע פריינד"**, האבן מיר אים אצינד דערציילט אלע שטערונגען וואס מען גייט דורך און וויאזוי זיי האבן זיך יעצט איבערגעקלוגט אויף אונזער פלאן אזש אז מיר זענען אין א מצב וואס מען פשוט נישט קיין וועג ארויס פון דעם פלאנטער, און מיר ווייסן נישט וואס צו טון ווייטער.

האט אונז דער רבי געזאגט: **"וויאזוי איך קוק אָן דאס וואס מיר האבן זוכה געווען צו דעם שטעטל, ביז אהער איז אלעס מעשי' נסים, בדרך הטבע וואלט מען ווען נישט געקענט אנקומען צו דעם אויך נישט, און מיר קענען זיך סומך זיין אויף א נס אז דער בוכ"ע וועט אונז ווייטער העלפן אפילו שלא כדרך הטבע".**

מיר זענען געשטאנען באימה בפחד און געהערט וויאזוי דער רבי, מיט זיינע הייליגע ווערטער, איז פאר אונז ממשיך א ישועה שלא כדרך הטבע, און דער רבי זאגט ווייטער: "איי, ס'שטייט דאך אז מ'טאר נישט מתפלל זיין און בעטן אויף א נס ? איז דאך אבער באקאנט וואס דער ישועות יעקב זאגט, אז ווען איינער פארגעסט צו זאגן חנוכה על הנסים זאל ער זאגן ביים סוף פון ברכת המזון "הרחמן הוא יעשה לנו נסים כמו שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה".

"פרעגט ער לכאורה, ווי קען מען דען בעטן אויף א נס, מיר האבן דאך א כלל אז "אין מתפללין על הנס", מען דאווענט נישט פאר קיין נסים, ווייל אויב דער אויבערשטער מאכט א נס ווערט דאס אראפגערעכנט אויף יענע וועלט פון די זכותים פון יענעם מענטש, און א מענטש בעט נישט אויף אזא זאך.

"נאר וואס דען, זאגט דער ישועות יעקב, אויב מען בעט א בקשה אויף א זאך וואס עס וועט פון דעם ארויסקומען א קידוש ה', א כבוד שמים, איז דעמאלט אדרבא, מעג מען בעטן דערפאר, ווייל עס ווערט גארנישט אראפגערעכנט פון די זכותים, נאר עס קומט נאך צו צו זיינע זכותים, עס ווערט נאך גרעסער".

האט דער רבי אויסגעפירט מיט א געוואלדיגע התרגשות: **"דער אויבערשטער וועט דא אויך העלפן, עס וועט פון דעם ארויסקומען א כבוד שמים, ממילא קענען מיר ווארטן אויף א נס"!**

איבריג צו זאגן אז הערנדיג אזעלכע קלארע הייליגע ווערטער פונעם רבי'ן זענען מיר ארויס פון דארט אינגאנצן אנדערש. מען האט געשפירט בחוש ווי דער רבי פארארבעט כוחות אז מען זאל מצליח זיין צו אריינוועלן די אידישע קאנדידאטן און גרונדן

א אידישע כח צו קענען עקזיסטירן דא צווישן די גוי'אישע שכינים.

מ'דארף געדענקן אז דאס איז געווען אין יענע יארן ווען דער רבי איז שוין נישט געזונט געווען, און נישט יעדן טאג האט מען פונעם רבי'ן געהערט אזעלכע שטארקע דיבורים, ווי דער רבי האט ממש מבטיח געווען אז מיר וועלן זעהן נסים גלוים און עס איז דא אויף וואס מיר וועלן זיך סומך זיין.

## דער רבי איז מתפלל פאר אונזער הצלחה

מענין לענין איז טאקע כדאי צו דערמאנען און פארציילן אז באמת זענען מיר כסדר געגאנגען מזכיר זיין ביים רבי'ן. יעדעס מאל ווען מען מיר האבן זיך דערזען אז די העצע פון די שכינים דערגרייכט פרישע שטיפעס, און מיר האבן געשפירט אז מיר דארפן א העכערן כח און סייעתא דשמיא, זענען מיר יעדעס מאל אריבער צום רבי'ן זיך מזכיר זיין. **דער רבי האט זיך פאראינטערעסירט, ער האט זיך נאכגעפרעגט און שטענדיג געוואלט וויסן וואו מען האלט מיט די שווערע ארבעט פון זיך אפשאקלען פון דעם גוי'אישן טאון, און ער האט שטענדיג געגעבן זיינע הייליגע ברכות.**

אט די ברכות און די חיזוק פון רבינו הק' זי"ע דאס האט אונז געטראגן און דאס האט אונז געשטארקט, ווייל מיר האבן געוואוסט קלאר אז מיט דעם כח פון הייליגן רבי'ן זי"ע וועט מען בעז"ה אלעס דורכקומען און נישט איינמאל האבן מיר טאקע געזען פלאות'דיגע זאכן.

עס איז געווען ביי איינע פון די גאר שווערע צייטן, בין איך איינמאל פרייטאג צו נאכטס נאכ'ן דאווענען אריין צום רבי'ן אין זיין דירה אויף בעיקערטאון רד. אינאיינעם מיט ר' שלמה מיכל ע"ה, און מיר האבן געזאגט פאר'ן רבי'ן אז עס איז דא גרויסע צרות. מיר מוטשענען זיך ביטער שווער און מיר זעען נישט קיין וועג ארויס פון דעם פלאנטער. מיר האבן זיך געטרויעט צו זאגן פאר'ן רבי'ן אז מיר שפירן אז מיר דארפן דא האבן העכערע כוחות אז מיר זאלן וויסן וואס מיר האבן צו טון אין די ווייטערדיגע שריט ווען עס זעט אויס אלעס אזוי אוממעגליך און מיר ווייסן נישט וואס צו טון ווייטער.

די משמשים פון רבי'ן זענען געשטאנען דערביי, און עס איז געווארן א שטיקל געשפרעך ווען דער רבי האט זיך נאכגעפרעגט מיט פארשידענע קשיות צו פארשטיין דעם לעגאלן מצב, און געוואלט הערן אלע דעטאלן וויאזוי מיר ראנגעלן זיך אויפ'ן געזעצליכן פראנט צו פארמירן אַן אייגענע כח און נישט דארפן זיין אנגעוויזן אין די גוי'אישע באאמטע.

אזוי רעדנדיג האט איינער פון די משמשים זיך אנגערופן דעם נאמען פון יענעם לויער וואס דער טאון האט גענוצט און ער איז געשטאנען אין שפיץ פון די גאנצע מלחמה קעגן אונז. פון גרויס ביטערניש האט זיך איינער פון די עסקנים אנגערופן: "דער רבי זאל וואונטשן אז דער רשע זאל גיין אין דער ערד, ווייל קיין צווייטע ברירה זעען מיר נישט וויאזוי מיר זאלן דא זיך קענען אַן עצה געבן כל זמן דער רשע שטייט אונז אין וועג".

אויף דעם האט שוין א צווייטער צוגעלייגט אז מען ווייסט דאך פון אסאך אזעלכע מעשיות, אז ביי צדיקים איז נישט געווען אזא גרויסער עסק צו 'ערלעדיגן' אפצואווישן אַן ערל פון וועג' אין פאל ער האט געמאכט צרות פאר אידן. יענער האט דערמאנט א צדיק וואס איז געווען נאנט צו אונזער דור, הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זצ"ל, וואס עס ווערט פארציילט מערערע ענינים און מעשיות וויאזוי ער האט זיך אַן עצה געגעבן מיט גוים וואס האבן געטשעפט. יעצט אז די אידן דא האבן אזעלכע צרות פון א רשע קען דער רבי זיכער מיט זיינע הייליגע כוחות "ערלעדיגן" א "פטירה" פאר דעם ערל אז ער זאל נישט קענען מער פייניגן און ווי טון פאר אונז".

איינער פון די משמשים האט זיך אנגערופן מיט א ווערטל אז עס שטייט אין פסוק אין פרשת וזאת הברכה, "וספוני טמוני חול", דער לויער פון די 'טאון' האט געהייסן אויפ'ן נאמען 'סוויני', אפשר איז דאס א רמז אז די עצה פאר דעם 'סוויני' וואלט געווען 'טמוני חול' אז מען זאל אים אוועקלייגן אונטער דער ערד... ווי מען געפינט ביי משה רבינו ע"ה 'ויך את המצרי ויטמנהו בחול' און דאס איז וואס עס דארף געטון ווערן מיט דעם רשע.

דער רבי האט זיך שטארק צעשמייכלט הערנדיג דעם אינטערסאנטן רמז, אבער נאכדעם וואס יעדער איז שטיל געווארן און מען האט געוואלט זען וואס דער רבי וועט רעאגירן האט דער רבי געזאגט בענוות קדשו: "איך קען נישט די אלע זאכן...", און דער רבי האט ממשיך געווען: "אבער איך קען מתפלל זיין, איך קען בעטן אז אלעס זאל זיין הכל על מקומו יבא בשלום, אלעס זאל מסודר ווערן אויף א גוטן אופן".

ווען מיר זענען דעמאלט ארויס פון רבי'נס שטוב האבן מיר געשפירט א שטארקע דערלייכטערונג. מען האט ממש מרגיש געווען בחוש ווי דער רבי האט איבערגענומען דעם גאנצן עול פון אונז און ער טראגט דאס אויף זיך, דער רבי האט געזאגט אז ער וועט מתפלל זיין און ער וועט בעטן אויף די ישועה, מען זאל שוין פטור ווערן פון די גוי'אישע ערוועלטע וועלכע האבן אונז סעקירט אזויפיל.

**עס איז אונז בכלל געווען א גרויסע שמחה צו זעהן ווי שטארק דער רבי האט גענומען דאס ענין פערזענליך, דער אופן וויאזוי ער האט אונז אויסגעהערט, זיין הייליגע צורה וואס האט געשיינט און געלויכטן. און ווי ווייט עס איז נוגע בנפשו אז מען זאל מצליח זיין מיט די אויפגאבע פון טוישן די פירערשאפט צו א אידישע, דאס האט אונז מער פון אלעם מחזק געווען אז מיר וועלן אי"ה ארויסגיין פון דא מיט הצלחה וידינו על העליונה.**

עס איז געווען נאך א טריט ווייטער, דאס וואס דער רבי האט אוועקגעמאכט די עצה פון אוועקלייגן דעם גוי האט אונז געצייגט אז עס פעלט ניטאמאל אויס אזעלכע סארט שריט, מ'דארף נישט אנקומען צו קיין כוחות שלא כדרך הטבע אז דער אויבערשטער זאל דא באווייזן אזעלכע וואונדער, נאר השי"ת וועט אונז טאקע העלפן נאטורליך כדרך הטבע, ווי מען האט עס טאקע געזען בחוש אין די טעג דערנאך, וברכת צדיק עשתה רושם.

## דער לויער צורעדט זיך...

און ב"ה דער אויבערשטער האט געהאלפן אז מיר האבן געהאט סייעתא דשמיא ממש חוץ לדרך הטבע.

איך האב די גאנצע צייט געוואוסט אז איך דארף זיין "אפ ־ טו- דעיט" מיט זייערע פלענער, און וויסן אלעס וואס עס קאכט זיך ביי זייערע מיטינגען.

דא איז מיר זייער צוניץ געקומען אונזער לויער 'בערני דעוויס'. ער איז געווען גאר א פיפיגער לויער, און ווי איך האב שוין דערציילט, האט ער געהאט גוטע קאנעקשענס מיט אלע זייערע חברה. ער פלעגט ארויסגיין פארברענגען מיט זיי אין די רעסטוראנטן און ער האט געשמועסט מיט די שישקעס פון יענע מחנה.

ער האט געהאט באזונדערע גוטע באציאונגען מיט זייער לויער 'סוויני', פון וועמען מיר האבן אזוי געליטן, און ער האט געוואוסט די עצה פון 'נכנס יין יצא סוד' וויאזוי מען מאכט אים רעדן אז מען זאל הערן וואס מען וויל.

איך האב אים עקסטער געצאלט אז ער זאל זיך דרייען מיט זיי אין די פארברענג פלעצער כדי צו הערן זייערע שמועסרייען און זייערע פלענער, כדי מיר זאלן וויסן פונקטליך וואו מיר האלטן און וואס עס דארפן זיין אונזערע ווייטערדיגע שריט.

דער בערני דעוויס האט געטון אן אויסערגעווענליכע דזשאב, טאג טעגליך האט ער אונז געברענגט אינפארמאציע וואס איז אונז געווען קריטיש וויכטיג צו הערן און וויסן. ער פלעגט דארט מיט זיי אפזיצן און ער האט זיך נאר געזארגט צו ארויפברענגען אויפ'ן טיש די טעמע פון די אידישע שכינים. נאכדעם האט ער שוין גארנישט געדארפט רעדן ווייל עס האט שוין גערעדט פאר זיך. ווען סוויני האט גערעדט און געזאגט וויכטיגע זאכן האט ער זיך דאס פארצייכנט, אלעס מיט'ן קלארן חשבון אז ער זאל דאס קענען נוצן קעגן אים אין געריכט.

עס האט זיך ב"ה גוט אויסגעארבעט, ווייל ביי יענע געשפרעכן האט מען געמאכט אלע פלענער קעגן אונז, מען האט דארט זייער געמיין און מיאוס גערעדט אויף אונז, און זיי האבן ארויפגעברענגט אויפ'ן טיש אלע טאקטיקן וואס זיי ווילן טון קעגן אונזער הצלחה. מיר האבן באלד געוואוסט יעדעס מאל וואס זיי ווילן טון און וואס מיר האבן צו טון אז מיר ווילן זיך אויסהיטן און אזוי אויך האבן מיר באקומען קראנטע עדיות איבער זייערע ראסיסטישע און העצערישע רעטאריק וואס איז געווען נוצליך צו אויפבויען א דיסקרימינאציע קעיס אין געריכט.

צ.ב.ש. אין איינע פון די טעג קומט אריין צו מיר דעם לויער בערני דעוויס, און ער זאגט מיר אז ער האט גרויס נייעס. נעכטן נאכט האט זייער לויער סוויני זיך איבערגעטרינקן מיט וויין, און פון שכרות האט ער גערעדט מער ווי ער האט געדארפט. ער האט זיך צעשריגן **"מארגן גיי איך ארויס אין א מלחמה קעגן די כאסידים"...**

אזא אפענע דיסקרימינעישאן ווארט איז געווען פאר אונז געוואונטשענע מאטריאל צו נוצן אין געריכט קעגן אים. איך בין אפגעזעסן מיט אונזער לויער שעות ארוכות, מיר האבן די אלע סארט אויסדרוקן מסדר געווען און צוזאמגעשטעלט, איבעראל וואו מיר האבן נאר געהאט עפעס אויפצואווייזן דעם מציאות וואס דא גייט פאר, ביז מיר האבן געהאט א גרויס פעקל מיט מאטריאל, גרייט פאר אַן אנקלאגע אין געריכט.

**פארזעצונג קומט אי"ה קומענדיגע וואך**







SPONSORS

printcenter

Print out for BUSINESS




